STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05350

A MENTSH IZ GESHTORBN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאת התורה: אדם כי ימות (במדבר י״ט, י״ד).

אַ מענטש איז געשטאָרבן

אינהאַלט:

ציון לנפש חיה		א
קדיש, אל מלא רחמים		ב
מעבר יבק (פראגמענט) (יידיש)	צבי שטאָק	ג
אני מאמין (פראגמענט) (ליד)		ה
א הספד (דיכטונג)	מאיר אסתרס	ו
חוה גאָרדין ע״ה (ביאָגראַפישער נאָטיץ)	א. ג.	ח
פאַרוויגט (ליד)	א. מאָסקווין	יד
דערינערונגען	שרה גרובער	טו
גרויס פאַרמעגן (ליד)	א. ב. אָסטראָווער	יז
אייניקע מאָמענטן	שלמה שאפירא	יז
חוה׳ן אין אָנדענק	הוגא ל. זאַקס	יט
די טרוימערין	משה גדליה סאַיעטאַ	כ
ווען? (דיכטונג)	ש. פעליטש	כב
„איינגעזאמלט געוואָרן צו איר פאָלק"	ב. ריווקין	כג
יידישער מאָטיוו (ליד)	א. מ. נישטאַנישק	כז
פריינטשאַפט דורך טרערן	דניאל טשאַרני	ל
אַ מענטש	זלמן ב. זאָהן	לג
קאָשמאַר (ליד)	מיני באָרדא-ריווקין	לו
צום אָנדענק	ליבע פייגין	לו

(ז: 4 פון הילע)

אַ וואָרט-מצבה אויפ׳ן קבר פון חוה גאָרדין, ע״ה,

געשטעלט פון דער „יידיש-עטישער געזעלשאַפט"

מנחם-אב תש״ד — 1944 — ניו-יאָרק

פּרינציפּן און צוועקן־דערקלערונג

פון דער

יידיש־עטישער געזעלשאַפט

●

1. די יידיש־עטישע געזעלשאַפט שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע צו פאַרפעסטיקן די יסודות פון דער יידישער זיטנלערע, און צו פאַרשפּרייטן עטישע בילדונג און דערציאונג צווישן די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק.

2. די פּרינציפּן פון דער יידישער עטיק, הגם אויסגעדריקט און פאָרמולירט אין פאַרהעלטענישמעסיק פּרימיטיוון אַלטערטום, זיינען גילטיק פאַר דער קאָמפּליצירטער קעגנוואַרט און צוקונפט.

3. יידנטום איז היידעניזירט געוואָרן אונטער דעם דרוק פון די פרעמדע קולטור־סביבות אין די גלות־לענדער, וואו יידן האָבן געוואוינט. דערפאַר נויטיקן זיך די יידישע עטיש־פילאָזאָפישע ווערטן אין א ליַיטערונג און רייניקונג.

4. די יידיש־עטישע פילאָזאָפישע ווערטן, גערייניקט פון די פאַגאַניסטישע עלעמענטן, וואָס זיינען צו זיי צוגעשטאַנען און געליַיטערט פון דעם קולטוס־פסולת וואָס האָט זיך מיט זיי פאַרשמאָלצן, וועלן אונדז דינען אַלס אַ זיכערער מיטל מיט וואָס צו באַצווינגען די היינטיקע רשעות־וועלט, אומגעשטאַלטיקן דעם פּנים פון דער געזעלשאַפט און איבערפורעמען דעם גאַנצן סדר־העולם.

5. די יידיש־עטישע געזעלשאַפט פּראָפּאַגאַנדירט די אידעאַלן פון די נביאים: פלייסט זיך אריינצודרינגען אין דעם ריכטיקן מיין און באַטייט פון די נביאי׳שע זעאונגען, באַמיט זיך צו פאַרשטיין און פאָפּולאַריזירן זייער געזעלשאַפט־אויפפאַס און וועלט־באַנעם.

6. די יידיש־עטישע געזעלשאַפט אָריענטירט זיך אין יידישן לעבן און שאַפן — אויף דער צוקונפט. דער יידיש־עטישער געדאַנקען־פאָדים וואָס וועבט זיך פון קדמונים־אָן וועט זיך ציען וויַיטער אין דער ווייטסטער און ליַיטערסטער צוקונפט אריין.

די יידיש־־עטישע געזעלשאַפט איז זיכער, אַז די פאַרגאַנגענע און פאַרציַיכנטע טויזנטיאָריקע יידישע געשיכטע איז בלויז א פאָרגעשיכטע, אַ צוגרייטונג פאַר דער דערוואַרטער אַנטפּלעקונג פון יידיש־עטישן זשעני.

7. די יידיש־עטישע געזעלשאַפט באַקעמפט מיט אַנטשלאָסנקייט די העלעניזאַציע טענדענצן אין יידישן ווי אין אַלגעמיינעם לעבן. די העלעניזירונג פון דער יידישער ליטעראַטור באַטריבט און פאַרטרינקט דעם קוואַל פון יידיש־עטישן שאַפן, פירט צו דעגענעראַציע.

8. די יידיש־עטישע געזעלשאַפט האַלט פאַר איר חוב צו העלפן אויסקריסטאַליזירן און ארויסשיילן דאָס יידישע אין יידן, זען וואָס באַוואוסטזיניקער, האָפּטיקער און בולט׳ער צו מאַכן זיינע עטישע אייגנשאַפטן.

אַן עטישער ייד איז א מענטש אין בעסטן און פולסטן זינען פון וואָרט. און די יידיש־עטישע מינאָריטעט דאַרף זיין די ערשטע אין דער ערשטער קאָלאָנע פון די איבערגעבנסטע שטרייטער פאַר אוניווערסאַלן יושר און אַלמענטשלעכער גערעכטיקייט.

9. דריי ציקלען צייכנט ארום זיך די עטישע פּערזענלעכקייט: זיי נעמען ארום דעם איך פון יחיד, דעם גרעסערן איך פון דער פאַמיליע, שיכט, פאָלק, מענטשהייט, און דעם גאָר גרויסן איך, דעם אין־סוף, פון קאָסמאָס. דאָס זיינען די דריי שטופן וואָס פירן ארויף צו דער אויסגעברייטערטער איכהייט.

10. דער מענטש איז א גאָרטן, ער פאָדערט פלעגונג, אכטונג־געבן. מענטש איז אָבער אן אייגנאַרטיקער גאָרטן, ער איז גאָרטן און גערטנער צוזאַמען, אין דער זעלביקער פּערזאָן.

די יידיש־עטישע געזעלשאַפט פאַררעכנט פאַר איר עובדא באַהילפיק צו זיין דעם אינדיווידואום אין זיין אָנשטריינג זיך צו דערהויבן, פאָרמירן זיין עטישן כאַראַקטער און אויפריכטן זיין אינדיווידואַליטעט.

ציון לנפש חיה

א וואָרט-מצבה אויפ'ן פרישן קבר

פון

חוה גארדין ע״ה

תרמ״ו — תש״ד

געבוירן אין רייגראד, לאָמזער גובערניע, 1886, 25־טן דעצ.

געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, 1944, 21־טן מאי.

זאָל איר זעל זיין פאַרבונדן אין בונד פון אייביקן לעבן.

תנצב״ה

קדיש

זאָל געגרויסט און געהייליקט ווערן זיין פולער נאָמען אין דער וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן לויט זיין ווילן. און ער זאָל מאַכן געוועלטיקן זיין קיניגרייך אין אייער לעבן און אין אייערע טעג, און אין דעם לעבן פון דעם גאנצן הויזגעזינט פון ישראל אינגיכן און אין נאָענטער צייט — און זאָגט: אמן!

זאָל זיין פולער נאָמען געבענטשט ווערן אויף אייביק און אין אייביקער אייביקייט.

זאָל געבענטשט ווערן און געלויבט ווערן, און געאָכפּערט ווערן, און דערהויבן ווערן, און דערהויכט ווערן, און באַשיינט ווערן, און געשטייגערט ווערן, און גערימט ווערן דער נאָמען פון דעם הייליקן, געבענטשט איז ער אַריבער יעדער בענטשונג און געזאַנג, און געלויב, און טרייסטונג, וואָס ווערן געזאָגט אין דער וועלט; — און זאָגט: אמן!

זאָל פולער פרידן פון הימל און לעבן קומען אויף אונדז און אויף כל ישראל; און זאָגט: אמן!

דער וואָס מאַכט שלום אין זיינע הויכן, ער וועט מאַכן שלום ביי אונדז און ביי כל ישראל; און זאָגט: אמן!

אל מלא רחמים

פול־גנעדיקע מאַכט, וואָס וואוינט אין די הויכן, שאַף עכטע רו אויף די פליגלען פון דער שכינה אין די איבער־געביידעס פון די הייליקע און ריינע, וואָס ווי די הימל־שיין שיינען זיי, — פאַר דער נשמה פון חוה דער טאָכטער פון פייגל . . . דער האַר פון רחמים וועט זי פאַרבאַרגן אין דער באַהעלטעניש פון זיינע פליגלען אויף אייביק און וועט פאַרבינדן אין בונד פון לעבן איר זעל. יהוה איז איר אַרב; און זי וועט רוען אין פרידן אויף איר געלעגער; און מיר וועלן זאָגן: אמן!

מעבר יבק [1]

(אַ פראַגמענט)

פון

אהרן ברכיה ממודינה [2]

אידיש פון

צבי שטאָק

(דעם אָנדענק פון חוה גאָרדין ע״ה)

אַ קול רופט: לייען עס אַלעמאָל, מענטשן־זון
און נעם זיך אַראָפּ אַ מוסר־השכל דערפון.

אין אַ סך ספרים אוממעגלעך איבערצוציילן
טוען די חז״ל אונדז נאָכאַנאַנד דערציילן;

אַז אַ צדיק דאַרף זיך אין גרויס פרייד פאַרגיין,
ווען דער טאָג פון זיין טויט קומט צו אים צוגיין.

ווי אין פסוק שטייט געשריבן און עס איז אָנגענומען,
אַז גאָט ווייסט דעם וועג פון גערעכטן, פון פרומען.

אַז אויף אייביק וועלן בלייבן זייערע פרוכטיקע גאָרבן
הגם זייער גוף גייט אַוועק ווען זיי שטאַרבן.

אַז פון דער נשמה פון מענטשן ווערט אַ רייטוואָגן פאַר דער שכינה
פאַר די רעכטפאַרטיקע מעשים וואָס ער טוט טאָן בצנעה.

אַז נאָכן טויט ווערט ערשט דער צדיק מיט אייביקייט באַצירט
ווי ס׳האָט מיט די הייליקע, חנוך און אליהו פּאַסירט.

ווי עס זאָגט די גמרא: אַז איינער שטאַרבט מיט אַ שמייכל און געלעכטער
איז דאָס אַ גוטער סימן פאַר אים, אָן עכטער.

והנה טוב מאד — דאס מיינט מען דעם טויט.

ווען דער גערעכטער גייט אַוועק פון דער וועלט מיט פרייד,
טוט מען אים באַווייזן זיין גוטן לוין — צוגעגרייט.

און זיין זעל ווערט מיט „חסד״ צוזאַט געשפּייזט
ווען ער שלאָפט איין אין די אָרעמס פון גאָטס הייליקן גייסט.

ווי די מאָרגן־רויט־שטראַלן פון פריען באַגינען
שפּרייזט אַרום זיין גוטער נאָמען וואָס ער האָט זיך געטאָן פאַרדינען.

און אַלץ וואָס איז געווען פאַר אים פאַרהוילן, פאַרבאָרגן
שיינט פאַר אים איצט אויף ווי די זון אין פרימאָרגן.

אין דער צייט וואָס דער צדיק גייט אַוועק פון דער וועלט
שטייען די מלאכי השרת אין ריי אויסגעשטעלט;

און זיי זאָגן צו גאָט: רבש״ע, צדיק פלוני, דער און דער —
קומט אָן פון יענער וועלט אהער. —

זאָגט גאָט: זאָל ער קומען אין פרידן און צו אייביקער רו;
און אַלע מלאכים, זיי הערן זיך צו. —

און עס שטראַלן זיך פאַנאַנדער בונטע שטראַלן פון אַצילות
געפלאָכטן פון מעשים טובים, צדקה און תפילות.

און עס גייען אים אַנטקעגן אַלע גערעכטע מענטשן
און טוען זיין ליבן נאָמען לויבן און בענטשן.

און די צדיקים וואָס שלאָפן אין אייביקער רו
קומען אַלע צוגיין און זעען דאָס צו. —

און דרייערליי כתות פון הייליקע מלאכים
גייען ביי זיינע זייטן, פאַר אים און נאָך אים.

און דעם גוף פון גערעכטן טוט „שלום״ פאַרוועבן
און זיין זעל ווערט פאַרבונדן אין בונד פון אייביק לעבן.

* * *

1) די ראשי תיבות פון וואָרט יבק זיינען יעננו ביום קראנו.

2) דער מחבר פון „מעבר יבק״ איז געווען אַ גרויסער מקובל וואָס האָט געלעבט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, זיין נאָמען איז געווען אהרן ברכיה במה״ר משה ממודינה. אין דער הקדמה צו דער „ראָם״ אויסגאַבע (ווילנע תרפ״ז) פון דאָזיקן „געטלעכן הימן צום טויט״ שטייט געשריבן אויפן מחבר וועלכער איז געווען אַ כהן און האָט געהייסן אהרן: „ויעל אהרן הכהן אל או״ר הה״ר בעש״ק ח׳ תמוז שנת שצ״ט. צ. ש.

אמונה זאָלעוועט קיין פאַרבן,
איר כוס־של־ברכה איבערגיסט:
זי שענקט אַ לעבן אָן פאַרדאַרבן,
אַ גאַנצן יש באַשאַפט פון נישט.

דער מענטש דעם וואָרים־טויט ט׳צעטרעטן,
אין ספערן וואוינט ער, ניט אויף דר׳ערד.
מענטש צוימט מזלות און פּלאַנעטן,
ווי רייטער, להבדיל, ווילדן פערד.

אידייען זייען פרילינגס זוימען,
דער האַרבסט מיט שפע בענטשט דעם יאָר.
איך גלויב אַז דרייסטע רייכסטע טרוימען
אַריבערצוּיבערן וועט וואָר.

אַפשיטא שוין, אַז ווען עס רעדט זיך
פון קץ הימים ענדלאָז סוף:
אין אַט־דעם זוניק העלן נצח
שטייט אויף אויך טויטער פון זיין שלאָף . . .

(פון „אַני מאמין״ פון דער „יידיש עטישער געזעלשאַפט״)

דער הספד

פון

מאיר אסתרס

עס איז דער טויט אַ שעלטעניש, אַ שרעקלעך שלאַק,
וואָס אויף דעם איינצלנעם סמאל ט׳אַנגעשיקט.
ס׳איז טויט אַ פועל־יוצא פון פאַרשאַרפט מחלוקת,
וואָס ווערט געפירט, סיי אָפן סיי געהיים, אין קהילה
קדושה פון דעם קערפּער, — יחיד, ציבור, וועלט.
און מחמת אָט־דעם קאַמף און שטרייט דער „מנוול" זיגט.
אַיעדער שטערבלעכער שטאַרבט מיט אַ מיתה משונה.
עס זיינען אַלע טויטן, אָן קיין אויסנאַם, מאָרדן שטילע . . .

דאָס מענטשנקינד פאַלט אויפן שלאַכטפעלד אין געפעכט,
וואָס גייט אָן צווישן ראַסע און דעם אינדיוויד.
איז מענטש אַ קרבן פון אַ טאפּלטער מלחמה:
אין אים, אין קערפּער גופא, ראַנגלען זיך די גלידער;
און אין די גלידער — צעלן רייסן זיך אַרום.
אַזוי זיין טויטן סוף מענטש אייגנהענטיק שמידט.
דער קאָסמאָס איז ניט בעסער, קריגט זיך מיטן כאַאָס:
עס איז ניטאָ קיין שלום צווישן רשעים־ברידער . . .

דער גרויסער אוניווערס מיט אונדז ער פירט זיך אויף,
ווי מיר אַליין זיך האַלטן אין באַצוג צו מענטשן.
ער ווי אַן עכאָ קלינגט אָפּ, ענטפערט, אונדזער רוף:
ווען מיר זיך שעלטן, וועט ער אונדז ניט קומען בענטשן.

ווי מיר בנוגע אַנדערע זיך פירן אויף,
אַזוי זיך פירן בנוגע אונדז אַליין די גלידער.
וואָס איז דען אָט־דער פונקציאָנירנדיקער גוף?
אַ דעמאַגאָג, וואָס שרייט צו זיך כסדר: „נידער!"

געוואוינטע פירעכץ לגבי פרעמדע, ווייטע, דינט,
פאַר אינערלעכע לעבנס־שייכותן, אַלס מוסטער.

דער ווייטאָק יענעמ'ס אונדזער אייגן ווי געפינט.
מיר זיינען אַלע איינס, דער כלל איז אַ באַוואוסטער.

ווען בויזער קערפּער לעבט בשלום מיט דעם לייב,
און איברים דאַוונען מיט א מנין פון איין סידור,
הערט אויף דאָס לעבן דאַן צו זיין אַ צייט־פּאַרטרייב,
אַ רגע'ס שטיפערישער שפּיל פון קידער־ווידער.

די מאַמע צאָלט ניט מיטן לעבן פאַרן „ברית".
דעם טאַטן וועט דער זון ניט טויטן, ניט באַגראָבן.
געשלעכט טוט ניט צעקנאַקן מענטשעלעך, ווי ניס,
בכדי די יאָנדרע פון דעם שאָלעכץ אויסצוסקראָבן . . .

און ווען אין פולן פרידן לעבט דאָס קינד אין דור,
צו קעמפן הערן אויף נאָכפאָלגנדיקע דורות.
צום אוונט איילט ניט מידער טאָג, דורכאויס קאַיאָר,
און אויפן אַלטן שטאַם עס גרינען יונגע פּירות.

דער טויט איז ניט נאַטירלעך, נייערט שווערע שטראָף.
פּוּן ווירוואַר האָט דער שטן אים אַרויסגערופן.
און „שטן" איז דער טייטש אַנטקעגנשטעלן שטאָף
דעם גייסט, און די וועלט—קעגן „עלמין דכיסופין".

אַזוי לאַנג ווי מיר האַלטן אָן דעם ברודער־קריג,
באַגייען מיר זיך ווי די קינדער פון דעם שטן.
דעריבער איבער אונדז עס פראַוועט טויט זיין זיג ;
אויף שטויבעלעך ווערט בנין פון דעם לייב צעשאָטן...

חוה גאָרדין ע״ה

(א קורצע ביאָגראפישע נאָטיץ)

פון

א. ג.

1.

חוה׳ס פאָטער האָט געהייסן ר׳ אפרים איסר דווארסקי. ער איז געווען א באַלע־באַטיש־פאַרמעגלעכער איד, אַ וואַלד־סוחר. ער איז געווען אַ חובב־ציון. * נאָך דעם ווי דער פאָליטישער ציוניזם פון הערצל׳ס שניט איז אויפגעקומען איז ער געוואָרן אַ פאַרברענטער ציוניסט. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און אַ גאַנצע וואָך אינדערפרעמד. אַהיים פלעגט ער קומען בלויז אויף שבת און יום־טוב. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען אַזאַ טרוד האָט ער געפונען צייט אַכטונג צו געבן אויף דער דערציאונג און בילדונג פון די קינדער, איין זון און דריי טעכטער, פון וועלכע חוה איז געווען די עלטסטע. דער פאָטער פלעגט זיי פאַרהערן יעדן שבת אום אויסצו־געפינען וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אין דעם משך פון דער וואָך.

חוה׳ס מאַמען האָט מען גערופן פייגל, דער מיידלשער פאַמיליע־נאָמען אירער איז געווען גאָלדשטאָק; זי האָט געשטאַמט פון רבני׳שן יחוס; דעם נאָוואָדוואָרער רב׳ס אַן אייניקל.

חוה איז געגאַנגען אין „חדר״ פונקט ווי אַ אינגל. זי האָט געלערנט שפּעטער־צו אויך לשון־קודש ביי אַ ספּעציעל אַראָפּגעבראַכטן פון ווילנא העברעאישן לערער מיטן נאָמען דוד יעלין.

ווען ר׳ אפרים איסר פלעגט קומען אויף שבת אַהיים האָט ער שוין געהאַלטן צוגעגרייט אַ זילבערנעם רובל פאַר חוה׳ן וואָס זי פלעגט קריגן מוצאי־שבת ווי אַ באַ־לוין פאַר איר זאָגן אויפאויסווייניק די פרשה פון דער וואָך. ער פלעגט מיט חוה׳ן אויך לייענען אַ שטיקל „הצפירה״, אַביסל „המליץ״. חוה איז געווען זיין ליבלינג און ער האָט געוואָלט פון איר שאַפן אַ מוסטער פאַר די איבעריקע טעכטער נאָכ־צופאָלגן.

צו זעכצן יאָר האָט חוה דערהערט דעם גורל׳דיקן רוף: „גיי אַרויס פון דיין לאַנד, פון דיין געבוירן פלאַץ און פון דיין פאָטער׳ס און מוטער׳ס הויז״. זי האָט גע־הערכט אָט־דעם אייגנאַרטיקן בת־קול וואָס איז אַרויס פון איר אינערלעכער אומרו־איקייט — און עמיגרירט קיין אַמעריקע.

וואָס האָט זי געטריבן אין די מרחקים, מעבר־לים, אין דער ווייטער פרעמדער מדינה? עס איז ניט געווען דער דלות. זייער הויז איז געווען כמעט אַ נגידישע. עס איז

ניט געווען קיין פּאָליטישער דרוק: זי האָט ניט באַלאַנגט צו קיינע פון די אונטער־ערדישע באַוועגונגען, וואָס זיינען שוין געווען שטאַרק טעטיק אויף דער אידישער גאַס אין תחום המושב צו יענער צייט. וואָס איז עס געווען? אַ מין אינסטינקט וואָס האָט איר אָנגעזאָגט און פאָראויסגעזאָגט, אַז אַ קאַטאַסטראָפע פון אומגעהויערן פאַר־נעם און אינטענסיווקייט נעמט זיך רוקן ווי אַ וויסטע כמאַרע, אויף די אידישע ישובים פון דער „אַלטער וועלט״ און מ׳דאַרף זיך ראַטעווען און באַצייטנס צוגרייטן אַן אָנ־האַלט־פונקט אין דער „נייער וועלט״, אַנטרינען און שאַפן אַן אַנטרינונגס פּלאַץ.

אין 1902 קומט חוה קיין ניו־יאָרק, פאַרפאַרט צו אירן אַ פעטער, איר פאָטערס אַ ברודער, אַ רייכן מאַן, וואָס האָט זיך דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ נאָמען גע־געבן לעווינסאָן.

ביים פעטער איז זי געווען אַ קורצע צייט. זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם ביי־זיך־פאַרריסענעם, געשמאַקלאָז איבערבאַצירונגטן רייכן לעבן. זי פאַרלאָזט דעם רייכן פעטערס הויז, אויף וועלכן זי האָט געקוקט ווי אויף אַ מין קאַפּליצע פון דער גאָלדענער קאַלב, און גייט אוועק אַרבעטן, ווערט אַ „פּריסטערין פון פּראַצע״, גייט דינען דעם אמתן גאָט, דעם גאָט פון אַרבעט. און איר „טעמפּל״ איז געווען אַ שוויץ־שאָפּ... די שעהן פון דער „עבודה״ זיינען געווען אומענדלעך לאַנגע. דער לוין נעבאַכ־דיק קליין. אָבער וועגן גיין צוריק, קומען מיט חרטה און תשובה צום גאָלד־געצנדינע־רישן פעטער האָט זי אַפילו ניט געטראַכט, און ניט געוואָלט הערן די „וואוילמיינענ־דיקע״ עצות און פאָרשלאָגן מצד פון איר רייכער משפחה, און געבליבן טויב צו זייערע אווערטורס און אונטערהאַנדלונגען מכוח אַ צוריקקער.

זי וואַרפט זיך אַריין מיט איר גאַנצן יוגנט־אימפּעט אין יידיש־ראַדיקאַלן קאַמף־לעבן פון איסט־בראָדוויי פון יענער ברויזנדיקער צייט. זי האָט זיך לכתחילה אָנגעשלאָסן אָן אַ קרייז פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דערנאָך געמאכט אַ ווייטערדיקן טריט צו־לינקס און אַריינגעטראָטן אַלס אַ מיטגליד אין אַן אַנאַרכיסטי־שער גרופּע. דאָס זיינען געווען די שטורם און דראַנג־יאָרן, ווען יאָהאַן מאָסט, עמא גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן און אַנדערע קעמפער, אויפשטענדלער פון אַ קלע־נערן מאַסשטאַב, האָבן „באָמבאַרדירט״ הויפּטזעכלעך מיטן שטאַרקן עקספּלאָסיוון וואָרט די אַמעריקאַנער פעסטונגען פון קאַפּיטאַל און שטאַט *

2.

איך האָב באַגעגנט חוה׳ן אין יאָר 1930 אין „פרייען אַרבעטער צענטער״ 219 צווייטע עוו. דאָס איז געווען אַ לאָקאַל פאַר לעקציעס און צוזאַמענקונפטן פון די גע־נאָסן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער „פרייער אַרבעטער שטימע״. איך האָב זיך אומגעקערט פון אַ טור איבערן לאַנד און פון אַ פאַרוויל אין קאַליפאָרניע פון בערך

אַ קאַרגן יאָר. אַ קורצע צייט פאַר מיין צוריקקער קיין ניו־יאָרק האָב איך פאַרעפענט־לעכט אין דער פ. א. ש. אַ סעריע פון דריי אַרטיקלען. דער הויפּט געדאַנק פון די אַר־טיקלען איז געווען, אַז מיר קומט אויס מאָדנע דאָס, וואָס די גענאָסן פאַרשפּרייטן צווישן די אידן אין אידיש אַנאַרכיסטישע אידייען ווי אַנדערע פּראָפּאַגאַנדיסטן טוען עס ביי די אומות העולם. די אידישע גענאָסן פאַרגעסן אַז די „גוים" פאַרמאָגן שטאַטן, אימפּעריעס און זייער רוף אָפּצושאַפן אָט־די פאַרדאַמטע אינסטיטוציע אדער צע־שטערן זי האָט אַ זינען, ווען מ'אַנערקענט די אַנאַרכיסטישע פילאָזאָפיע, בשעת מיר אידן, אַלס אידן, אַלס מיטגלידער פון אידישן פאָלק, האָבן ניט קיין שטאַט, און וואָס עס איז ניט פאַראַן קען מען ניט פאַרניכטן. די אויפגאַבע פון אַ אידישן ראַדיקאַל טאָר, לכן, ניט זיין פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער, נייערט פון אַ פּאָזיטיוון. אַ אידישער ראַדיקאַל דאַרף העלפן בויען דאָס אידישע לעבן און אַזוי ווי דאָס אידיש־לעבן פון אינעווייניק איז שטאַטלאָז וועט ער בזה האופן ממילא דינען „זיין אַנאַרכיסטישן" אי־דעאַל. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס אידישע לעבן איז געבויט אויף עטישע יסודות, ניט קיין פּאָליטישע, און פּרעדיקן צווישן אידן אויף אידיש אַנאַרכיזם, אין נוסח פון קראָפּאָטקין און באַקונין, איז אויסן פּלאַץ. דער אידישער ראַדיקאַל דאַרף זיין אַ בויער, אַ באַיאָער, ניט קיין צעשטערער און פאַרניינער. פאַרשטייט זיך אַז די דאָזיקע „אַפּיקורסישע" אַרטיקלען זיינען ניט געבליבן אָן שאַרפע ענטפערס פון די פאַר־טיידיקערס פון „אַלטן געזעץ", אָדער ווי איך האָב זיי עפּיטעטירט „אַלטע קאָצקער". געקומען בין איך קיין ניו־יאָרק צו זען צי מיין „תורה" וועט בעסער אָנגענומען ווערן בעל־פּה, ווייל „בכתב" האָב איך שוין געזען וועט זי זיך ביי די גענאָסן ניט אויסריכטן קיין גוטע מערכה.

חוה האָט אויף זיך גלייך גענומען די אַרבעט פון איינאָרדענען פאַר מיר אַ סע־ריע לעקציעס. קודם כל האָט זי געלאָזט אָפּדרוקן אויף איר חשבון, על חשבון „הגבירה" וואָס האָט געאַרבעט אין אַ „שאָפּ", אַ געוויסע צאָל אָנזאָגעב־קאַרטלעך מיט די טעמעס פון די לעקציעס וואָס איך האָב געהאַט בדעה צו האַלטן. אַליין געגאַנגען צו פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען און דאָרטן צעטיילט די קאַרטלעך און איינגעלאַדן מענטשן צו קומען. אַליין צוגעגרייט, צוגעראַמט דעם לעקציעס־זאַל און אויפגענומען און אַכטונג געגעבן אויפן עולם אַז אַלץ זאָל גיין כשורה. אין יענע יאָרן זיינען ניט אַלע לעקציעס אָפּגעלאָפן אַזוי גלאַטיק. אויף אונדזער ראַדיקאַלן געסל האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן מעשים. עס האָט געפלאַקערט דער פייער פון שנאה און מחלוקת צווישן די רעכטע און די לינקע. און צווישן מיינע טעמעס האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געררייצט, ניט דווקא די גענדז... די לעקציעס האָב איך, אגב, געהאַלטן אין ענגליש, און די קאַרטלעך, פאָלגלעך, זיינען געווען אין ענגליש.

אַט איז דער אינהאַלט פון איין אָוועקגעב־קאַרטל אין דער אידישער איבער־זעצונג:

הומאַניזם און קאָסמיזם אַ קורס לעקציעס געגעבן פון אבא גאָרדין אין „פריי־ען אַרבעטער צענטער״ יעדן זונטיק אָונט, 8 אַזייגער. ערשטע לעקציע נאָוועמבער דעם 23־טן 1930: 1) אַרבעט, פריע צייט און פרייהייט; 2) דער קוואַל פון יוגנט; 3) וואוהין גייט אונדזער ציוויליזאַציע?; 4) צווישן דעם געלן ים און רויטן טייוול; 5) דרייצן יאָר פון באָלשעוויזם; 6) קאָסמאָפּאָליטיזם און קאָסמאָעקאָנאָמיזם; 7) לא תרצח!; 8) די סקולפּטאָרס פון מענטשן; 9) אני יהוה; 10) פּראָלעטאַרישע פּראָזע־אָלאָגיע און פּריצישע אידעאָלאָגיע; 11) עראָטיק און עגאָטיק. — אַיינטריט פריי. פראַגן און דיסקוסיעס.

ווי עס איז לייכט צו זען פון אינהאַלט ווערט דאָ אַלטערנאַטירט עגאָסאָפיע מיט סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמן. די לעקציעס זיינען געווען העטעראָדאָקסיש, און איי־ניקע מיטגלידער פון „צענטער״ האָבן אויסגעזעצט קעגן דעם, וואָס די לעקציעס ווערן אָנגעפירט אין נאָמען פון „צענטער״ און וואָס דעם לאָקאַל קריג איך אומזיסט. עס זיי־נען פאָרגעקומען רייבונגען און מיר, אַ גאַנצע גרופּע אונדזערע, צווישן זיי לאואיס שאַפּירא, די ברוידעס, מאַקס און סיידע, זיינען אַוועק פון „צענטער״ און געעפנט אַ „קלאַריאָן״ קלוב.

חוה איז דאָ, אין נייעם פּלאַץ ווי אין „צענטער״, געווען די הויפּט־טוערין, אויב ניט כמעט די איינציקע טוערין. און אַרבעט איז געווען אַ היבש ביסל. מ׳האָט גע־דאַרפט זיך איינשאַפן מעבל, „פירן אַ ווירטשאַפט״, סערווירן טיי יעדן אָוונט און שבת און זונטיק — גאַנצע מאַלצייטן; די „פּראָפיטן״ זיינען געגאַנגען צו דעקן דירה־געלט און אַנדערע לויפנדיקע הוצאות, און אַז נאָכאַלעמען האָט אָפט אויסגעפעלט געלט צו צאָלן „רענט״ פאַר׳ן קלוב, האָט חוה געמאַכט אַן הלוואה פון 100 דאָלער (מאַקס ברוי־דע איז געווען דער זשיראַנט) און האָט עס אויסגעצאָלט צו איין דאָלער אַ וואָך פון אירע אָרימע שכירות וואָס זי האָט געקראָגן אַלס אַן אַרבעטאָרין אין שאָפּ.

צו יענער צייט האָבן מיר גענומען אַרויסגעבן אַ חודש־שריפט אין ענגליש מיטן נאָמען „קלאַריאָן״ (דערשינען פון סעפּטעמבער 1932 ביז אַפּריל 1934). דאָ איז ווייטער חוה געווען אומדערמידלעך אין אַרויסהעלפן, ווי מאַכן די עקספּעדיציע (די ערשטע נומערן זיינען זיך צעגאַנגען אין איבער 10,000 עקז.), פאַרשפּרייטן די שריפט. קיין אַרבעט איז איר ניט געפאַלן צו שווער, און אַז עס האָט אויסגעפעלט געלט האָט זי פון איר אָרימען לוין אוועקגעבן דאָס לעצטע און זי האָט קיינמאָל ניט געטראַכט אַז זי גיט גענוג.

אין „קלאַריאָן קלוב״ אַלס מיטגלידער זיינען געווען בריטיש־אַמעריקאַנער, איטאַליענער, שפּאַניער און פאַרשטייט זיך אַז אידן זיינען געווען פאַרטראָטן גאַנץ

היפשלעך. ווען דער נאַציזם האָט געגומען בושעווען אין דייטשלאַנד האָבן עכאָס פון אים זיך דערקייקלט אַזש צו דעם „קלאַריאַן קלוב". און איינער אָדער צוויי מיטגלידער האָבן פון צייט צו צייט געלאָזן פאַלן אין פריוואַטן געשפּרעך אַנמערקונגען וואָס האָבן זיך געלאָזט אויסטייטשן אַלס אידנפיינטלעכע און אַרום וועלכע עס פלעגן זיך צעפלאַקערן היציקע דעבאַטן, אויך פריוואַט. די ערשטע פּראָבלעם וואָס איז אויפגעשוואומען איז געווען אַ קלאַגע, הלמאַי די אידן מיטגלידער ריידן צווישן זיך יידיש און די ניט־אידן פאַרשטייען ניט וואָס זיי ריידן און פון דעם פילן זיי זיך אומבאַקוועם. די אידן האָבן דערויף געענטפערט, אַז אַזוי פירן זיך די איטאַליענער און שפּאַניער, צווישן זיך, אין זייערע שמועסן, געברויכן זיי זייערע רעספּעקטיווע לשונות און די אידן פאַרשטייען זיי ניט און מאַכן פון דעם ניט קיין איבעררייד. בקיצור עס האָט זיך געשאַפן אַ דריקנדיקע אַטמאָספערע. ווי זאָגט אַ שפּרוך, איין קרעציקע שעפּס קען פאַרפאַרשיווען אַ גאַנצע סטאַדע. און סוף יאָר 1934 האָט דער „קלאַריאַן קלוב" אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. די צייטשריפט „קלאַריאַן" צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט אין לאַנד, האָט זיך נאָך פאַר דעם אָפּגעשטעלט.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם זשורנאַל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער איז געווען ענלעך צו אונדזער מוטער רבקה: צוויי ריכטונג־קינדער האָט ער געטראָגן אין זיין בויך. די עובר׳ס האָבן זיך לאָגיש פאָרמאַל צווישן זיך ניט געקריקט, דאָך עפּעס אַ מין ויתרוצצו איז פאַרט פאָרגעקומען.

אָט איז דער אינהאַלט פון נומער 10—9, אַלס אילוסטראַציע. 1) די קנוטא־געראַנישע אימפּעריע. 2) סאָציאַליזם און עקספּלואַטאַציע 3) רעאַל און אידעאַל. 4) עגאָטיק. 5) ליבע און געשלעכט. 6) אַ לינטשן־פּאַל. 7) געלעכטער (אַפּאַריזמען) 8) מיין אסטראָפיזיק (ליד) 9) אָן אַ רעגירונג. 10) קאָרעספּאָנדענץ. — אי עגאָאָפּיע אי פּאָליטישער ראַדיקאַליזם האָבן געקראָגן אין אים זייער אויסדרוק.

חוה׳ן האָט דער אָפּשטעל פון „קלאַריאַן" ווי אויך דער צומאַך פון קלוב שטאַרק געערגערט, און זי האָט מיך אַלץ געבעטן אַז מיר זאָלן אָנפאַנגען אַן אַקטיוויטעט אין אידיש.

אין 1936 איז איר וואונטש דערפילט געוואָרן.

זי איז אַוועק צו די אָנפירער פון איטאַליענישן לאָקאַל אויף פערצנטער גאַס און האָט ביי זיי געפועלט אַז זיי זאָלן אונדז געבן, פאַר אַ רעדוצירטן אָפּצאָל, דעם אודיטאָריום אויפן דריטן שטאָק. זי האָט אָפּגעדרוקט פּאַרטייל־קאַרטלעך אויף איר אייגענעם חשבון און האָט אַראַנזשירט פאַר מיר אַ סעריע לעקציעס. אָט דאָס איז די ערשטע סעריע:

1) ערשטע לעקציע אויף דער טעמע „ראַדיקאַליזם ביי אידן און אידישער ראַ־

דיקאַליזם״ איז געהאַלטן געוואָרן דעם 15־טן מערץ 1936. 2) די פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע. 3) אידישע ווירקלעכקייט און אידישע אידעאַלן. 4) צוריק צו די נביאים. 5) די דינאַמיק פון דער יידישער געשיכטע. 6) יידישע אידעאָלאָגיע. 7) יציאת מצרים און די שבת אינסטיטוציע. 8) מיסטיפיקאַצע פון חומש. 9) תורת משה אַלס עגאָסאָפיע. 10) אני יהוה אַלס דער יסוד פון אידישער פילאָזאָפיע און סאָציאָ־לאָגיע.

אַז מיר האָבן געהאַלטן ביי דעם שלוס פון דער ערשטער סעריע לעקציעס האָבן מיר זיך גענומען אָרגאַניזירן. אויף אַ מיטינג אָפּגעהאַלטן אין הויז פון די ברוידעס איז געגרינדעט געוואָרן די „אידיש עטישע געזעלשאַפט״. דעם נאָמען האָט פאָרגעשלאָגן פריינט ש. ברייגער. איך בין געווען געניגט אָנצורופן אונדזער אָרגאַניזאַציע „די עגאָ־סאָפישע געזעלשאַפט״. אָבער דער נאָמען וואָס פריינט ברייגער האָט פאָרגעלייגט איז געווען פאַרשטענדלעכער און ער האָט מער אויסגענומען.

פון ערשטן טאָג פון דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט איז חוה געווען די סעקרעטאַרין און הויפט פּראַקטישע טוערין, אַמאָל די איינציקע טוערין.

זי האָט באַגריפן אַז אָן מסירת נפש, אָן איבערגעבנקייט וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינע שוועריקייטן, קען קיין אידעאַליסטישע זאַך ניט דורכגעפירט ווערן און זי האָט מקיים געווען דעם „בכל לבבך, בכל נפשך ובכל מאודך״...

שוין עטלעכע יאָר ווי זי איז קראַנק געווען, אָבער זי האָט זיך ניט וויסנדיק געמאַכט פון אירע יסורים. זי איז אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט פאַר דער „אידיש עטישער געזעלשאַפט״ ביז די סאַמע לעצטע וואָכן. ליגנדיק אויפן טויטן בעט האָט זי נאָך אַלץ געפלאַנעוועט די אַקטיוויטעטן פון דער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער קיין קרבן איז ביי איר ניט געווען צו גרויס און צו טייער.

אַ ברכה אויף איר אָנדענק:

אַזעלכע טויטע בלייבן לעבן אין זייערע מעשים טובים.

---

*) די ביסל אינפאָרמאַציע איז גענומען פון רישעל׳ס, חוה׳ס שוועסטער׳ס, אַ בריוו.

*) זע זז. ט״ו־ט״ז; י״ד־י״ט.

פאַרוויגט

פון

א מאַסקווין

(געווידמעט חוהן, ע״ה.)

דיין זעל האָט זיך פאַרוויגט אין מימרא־וויגל.
דער קערפּער קוקט זי אָן און איר אַ פולן שמייכל שענקט,
און מיטן שמייכל האָט פאַר׳חתמ׳עט זיך, ווי מיט אַ זיגל;
פאַרזיגלט האָט אין לייב דאָס אַלץ, נאָך וואָס ער גאַרט און בענקט.

דיין זעל האָט זיך פאַרוויגט אין כתר־וויגל,
אַזוי וויגט איין אַ יונגע מוטער איר איין איינציק קינד,
און מיט איר ליד אויף טיר פון וואַכזאַמקייט פאַררוקט דעם ריגל;
אַזוי די סטראַטאָספער פאַראַליעלוליעט שטורעם־ווינט.

דיין זעל האָט זיך פאַרוויגט אין רחמים־וויגל,
און צוגעפאַלן מיט אַ קוש צו אייגן בתולה־ליפּ.
אין סוד־הנשיקה פלאַמיק לייטערט זיך, ווי אין אַ טיגל,
זי שלאָפט אין אומשולד איין, אַ זיווג בויט זיך פון איר ריפּ . . .

דיין זעל האָט זיך פאַרוויגט אין חסד־וויגל,
ווי טיפער שויס פון מוטער־ערד פאַרוויגט איר זון, דעם ים.
אַרום זיך צייכנט דייטלעך שם־המפורש׳דיקן עיגול,
פאַר נשמות נייגעריקע אַ ניטדורכצודרינגען צאַם.

דיין זעל האָט זיך פאַרוויגט אין קדושה־וויגל,
אַזוי דער זומער־ווינטל זאַכט פאַרוויגט דעם זאַנג אין פעלד.
זי מאַכט די קלאָרע אויגן צו, ווי מע פאַרהענגט דעם שפּיגל,
אַזוי פאַרשלעפּערט אומדערציילטע סאַגאַ — גרויסן העלד.

דיין זעל האָט זיך פאַרוויגט אין מלכות־וויגל,
זיך צוגעטוליעט צו דער שכינה אונטער רונדן פליגל . . .

21־טן יון 1944

דערינערונגען

(וועגן מיין טייערער קאַמעראַדין אננא (חוה)

פון

שרה גרובער

1.

1909. אַ סטרייק האָט אויסגעבראָכן אין דעם בעקער־פּאַך אין שיקאַגאָ. ווי געוויינטלעך אין אַ סטרייק, האָבן זיך געפונען סטרייקברעכערס. איך און אַננע גייען פאַרביי אַ רעסטאָראַן. מיר זעען אין פענצטער ליגט ברויט אָן אַ „יוניאָן לייבל". מיר גייען דרייסט אריין און אַננע לאָזט זיך הערן איבערן גרויסן עס־צימער:

— ברויט דאַרף האָבן אַ יוניאָן לייבל!

פון רעסטאָראַן גייען מיר צו סטרייקענדיקע בעקעריעס. אַננע קומט מיט מיר אַריין אין איין פלאַץ. זי באַשטעלט 24 ברויטן, זי זאָגט מע דאַרף עס האָבן פאַר אַ באַנ־קעט. זי הייסט דעם באַלעבאָס צעשניידן די ברויטן. ער צעשניידט ווי זי הייסט. ער נעמט שוין איינפּאַקן. מיט אַמאָל גיט אים אַננע אַ פרעג, זאָגט נאָר, ר' קרוב, וואו זיינען די יוניאָן לייבלס?

דער באַלעבאָס שרייט אויס: איך האָב אין דר'ערד דעם יוניאָן.

אַננע ענטפערט שטיל:

מיר וועלן ניט עסן קיין ברויט פון אַ סקעב (סטרייק־ברעכער) שאָפּ. מיר הויבן אָן צו זינגען דאָס סטרייק לידל און ביי פיר סטרייק־ברעכערס פון דער בעקע־ריע נעמט אויס אונדזער האַנדלונג, און זיי גייען מיט אונדז אַרויס, און מיר פירן זיי אַוועק אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם יוניאָן.

2.

אַננע האָט געהאַט זייער ווייניק אויף צום לעבן, און דאַן איז סעם אגורסקי געוועזן אין זייער אַ געדריקטער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט זי אים געגעבן אַ פלאַץ אין איר פאַרענגטער וואוינונג און אויך אים פאַרזאָרגט מיט עסן און מיט אַ פּאָר, פון איר מאָגן אָפּגעשפּאָרטע, סענט.

ער איז ניט געוועזן דער איינציקער וועמען אננע האָט אַזוי געהאָלפן.

איך בין מיט איר אַמאָל אַוועק צוזאַמען עסן. מיין רעטיקול (פּאָקעט־בוק) איז געלעגן אויפן טיש. איך ווייס ניט ווי אַזוי אַננע איז געוואויר געוואָרן אַז ער איז אַ ליי־דיקער. ווען איך בין פון איר אַוועק האָב איך געפונען פינף דאָלער אין מיין ריטיקול.

איינמאָל רופט אַננע מיך אָפּ אויפן טעלעפאָן:

— שרה איך מוז דיך גלייך זען.

3.

איך גיי אַרויס. מיר טרעפן זיך. אַננע זאָגט צו מיר:

—שרה, מיר מוזן גיין „סקעבן״ . . .

— אַננע, וואָס רעדסטו? מיר זאָלן גיין סקעבן? — פרעג איך זי פאַרוואונדערט.

— נאַרעלע, עס גייט אַן אַ סטרייק ביי מענער־אַרבעטער, מיר וועלן אַרויף קלאָמפערשט אַרבעטן אַלס סקעבס, און מיר וועלן אַנייען דעם לינקן אַרבל אויף דער רעכטער זייט און דעם רעכטן אַרבל אויף דער לינקער זייט; און דער באָס וועט איינזען, אַז עס לוינט זיך ניט צו באַשעפטיקן סטרייק־ברעכערס.

מיר האָבן אַזוי געטאָן. דער פועל־יוצא איז געווען אַז מיט אונדז זיינען אַרונטער 18 סקעבס, מיר האָבן זיי אַוועקגעפירט אין דער הויפטקוואַרטיר פון די סטרייקערס און זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אַן דעם יוניאָן.

מיט יאָרן שפּעטער בין איך געקומען פון שיקאַגאָ קיין ניו־יאָרק. אַננע האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין ניו־יאָרק. מיין גאַנצער פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ צוריקקער־בילעט און צו דעם נאָך אַ פּאָר געציילטע סענט. אַננע האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן, איך האָב געמוזט בלייבן מיט איר אין איר ענגער דירה. עס איז קוים געווען גענוג פּלאַץ פאַר איר אַליין. איך האָב געפילט אַז איך מאַך איר ענג, און איך האָב ניט געוואָלט וואוינען מיט איר. עס האָט ניט געהאָלפן מיין טענהן. זי האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן.

ערע דיין אַנדענק, טייערע קאַמעראַדין.
איך בויג מיין קאָפּ פאַר דיין גייסטיקן געשטאַלט.
דו וועסט שטענדיק בלייבן לעבן אין מיין געדעכעניש.

גרויס פאַרמעגן

(געווידמעט חוה׳ן וואָס האָט גאָרניט פאַרמאָגט אויסער אַן איידעלער נשמה)

פון

א. ב. אָסטראָווער

— פאַרמאָגט דער פויגל פליגלען צוויי,
דער מלאך־שרף — פליגלען זעקס.
שטאָלצירט דער צען געבאָט מיט „לאָ!״
זיך גרויסט עקוואַציע מיט איר „עקס״ . . .

דעם מזרח האָבן זייטן דריי ;
די שוואָנגערין — חדשים ניין ;
געפאַנגענער — דעם שפּרוך „ביסט פריי !"
דעם קידוש און הבדלה — ווייַן.

דער גאַנג פון טייך פאַרמאָגט אַ ברעג.
דער פרעג „פאַרוואָס ?" „פאַרוועך ?" — אַ „ווייל" . . .
דעם וואַנדערערס נע־ונד — אַ וועג ;
געשפּאַנטער יעגערס בויגן — פייל.

דער נביא האָט דעם זעאונגס וואָרט,
אַ פרומען „אמן" — דאָס געבעט ;
די גלות־שיף — דעם גאולה־פּאָרט,
דער שטאָלצער איד — דעם ביטול „עט" . . .

און וואָס פאַרמאָגסטו פריינט, ר' איך ?
— אַ נשמה נאַקעט אָן אַ לבוש,
אַ זעל אַ באָרוועסע אָן שיך,
אַ גאַנצן יש דאָך אָן א מהות . . .

איינִיקע מאָמענטן
(פון אַננע'ס (חוה'ס) טעטיקייט)

פון
שלמה שאַפּירא

1906. איך האָב זיך באַקענט מיט דער קאמעראדין אננע ביי אַ מיטינג פון דער גרופּע „ליכט פאַר פרויען". אָט־די גרופּע, וואָס איז ניט געווען גרויס אין צאָל, האָט אָנגעפירט אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן פרויען דורך לעקציעס און אַנדערע מינד־לעכע אַרויסטרעטונגען.

1907. עס איז געווען דעמאָלט אַ שווערער קריזיס. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזע. די פּאָליציי האָט קיין דערלויבעניש ניט געגעבן. שבת 2 אַזייגער בייטאָג איז די דעמאָנסטראַציע פאָרגעקומען. מ׳האָט געוואָרפן אַ באָמבע פון וועלכער אייניקע פּאָליציי־לייט און אַ קאַמעראַד מיטן נאָמען זעליג זילבערשטיין זיינען שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן. די אַנאַרכיסטישע פעדעראַציע האָט אַרויסגעלאָזן אַ פלוגבלעטל, אין וועלכן זי האָט דערקלערט, אַז די באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן פון אַ פּאָליציי־אַגענט. אויף מאָרגן זונטיק האָט ש. יאַנאָווסקי געהאַלטן, ווי געווייגטלעך, זיין פאָרטראָג אין 98 פאָרסייט גאַס. פּאָליציי־לייט האָבן זיך באַוויזן און דעם לעקטאָר אַוועקגעפירט אין פּאָליציי־סטאַנציע. זיי האָבן אויך פאַרהאַלטן אַלעקסאַנדער בערקמאַן. אַנגע ווי אַ געטרייע קאַמעראַדין האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. די פּאָליציי אַרעסטן האָבן זי ניט אָפּגעשראָקן.

1910. אין פילאַדעלפיע איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע ביי וועלכער עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן הערי וויינבערג און וואָלטערין דע קלייר מיט נאָך 11 קאַמעראַדן. מע האָט געדאַרפט שאַפן געלט פאַר די אָרימע פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע ווי אויך פאַר לאַיערס. אַנגע ווי אַ געטרייע קאַמעראַדין האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט איר גאַנצן אימפעט און אומדערשראָקנקייט.

1913. די פּאָליציי האָט אַוועקגעלייגט דינאַמיט אין אַ הויז אויף אַ 104־טער גאַס און לעקסינגטאָן עוו. די פּאָליציי האָט עס אַוועקגעלייגט און די פּאָליציי האָט עס געפונען. אַרעסטירט האָבן זיי, אָבער, דערביי דריי קאַמעראַדן: קעראָן, ענסאָן און בוירג.

אַנגע איז געווען אַקטיוו. קיין זאַך איז ניט געטאָן געוואָרן זי זאָל זיך אין דעם ניט האָבן באַטייליקט און צוגעטראָגן מער ווי עס האָט זיך פון איר געפאָדערט.

אין פּעטערסאָן קומט פאָר אַ סטרייק פון די וועבערס. עס ווערן אַרעסטירט עטאָר און דזשעאָוואַניטי. אַנגע איז אַקטיוו.

עס ווערן אַרעסטירט קאַפּלאַן און סמיטה. די ראַדיקאַלע גאַס ווערט אויפגעשטורעמט פון דעם פּראָצעס פון די מעקנעמאַרע ברידער, דער אויפרייס פון דער געביידע פון טיימס אין שיקאַגאָ.

טענענבוים און איזידאָר וויסאָצקי פירן די אַרבעטסלאָזע אין די קירכעס צו נעכטיקן דאָרט און זיך ניט וואַלגערן אין די פּאַרקן. מע אַרעסטירט זיי דערפאַר. די באַשולדיקונג איז אַז זיי העצן אויף די „פינצטערע מאַסן״ קעגן גאָט און קעגן דער הייליקער קירך.

1914. דער קאַמף קעגן באַטייליקן זיך אין דער מלחמה. די דעפּאָרטאַציע פון די קאַמעראַדן, עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן, מאָלע שטורמער, אייבראַמס און פילע אַנדערע.

דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די צוויי מאַרטירער מוני און בילינגס.

אין די אַלע קאַמפן האָט זיך אַננע באַטייליקט ווי איינע פון די איבערגעבענסטע קאַמעראַדן.

פאַר די לעצטע יאָרן האָבן מיר זיך אידעאָלאָגיש פאַנאַנדערגעגאַנגען. אָבער איך האָב אויף קיין איין מאָמענט ניט געצווייפלט אין אַננע׳ס אויפריכטיקייט, ערנסט־קייט און אידעאַליזם.

אַננע, דו האָסט געלעבט מיט דיין זעלבסטשטענדיקער מיינונג, געקעמפט פאַר דיינע איבערצייגונגען, און אויף דיין פּאָסטן ווי אַ געטרייער זעלנער פון דער גרויסער אַרמיי פון די קעמפער פאַר אַ בעסערער וועלט און אַ גליקלעכערער צוקונפט — ביסטו געשטאָרבן.

איך וועל דיך געדענקען ביז איך וועל אין זיך אַליין פאַרגעסן.

דיין קאַמעראַד.

חוה׳ן אין אָנדענק

פון

הוגא ל. זאַקס

ווען אַ פריינט גייט אַוועק אין דעם גרויסן אויפיענערזייטיקן אַהין גיבן מיר זיך, ווי אינסטינקטיוו, אַ שטעל אָפּ און נעמען באַטראַכטן אונדזער ריכטיקע באַצי־אונג צו דעם אַוועקגעגאַנגענעם.

פריינט זיינען אַ זעלטענער און קאָסטבאַרער שאַץ. מענטשן, וואָס זיינען ראוי און מסוגל צו אמת׳ער פריינטשאַפט, זיינען ניט פאַראַן קיין סך.

חוה איז געווען אַ פערזאָן וואָס האָט געהאַט גרויס הנאה פון דעם וואָס זי איז געווען אַן עכטער פריינט צו פילע. איך בין שטאָלץ אויף דעם וואָס איך האָב גע־האָט די זכיה זיך צו ציילן צווישן די, וואָס האָבן אין איר אָנוועזנהייט געפונען אַ נשמה־וואַרימקייט און קרובה׳שאַפט.

אין טעג וואָס געהערן צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָב איך און חוה גע־אַרבעט צוזאַמען מיט עמא גאָלדמאַן אין אַ קרייז, וואָס האָט געזען דורך דעם געדיכטן נעפּל, וואָס פאַרהילט די געזעלשאַפט, דעם פּורפּורנעם אויפגאַנג פון אַ לויטערן טאָג פון גערעכטיקייט פאַר אַלע קינדער פון דער מענטשהייט.

חוה׳ס טעטיקייט איז קיינמאָל ניט געווען פאַרפלעקט מיט פערזענלעכע אַמ־

ביציעס. זי איז אַלע מאָל געווען גרייט צו קעמפן פאַר די באַליידיקטע און פאַר־טיילטע, פאַר די ליידנדיקע און שמאַכטנדיקע; זי איז אַלע מאָל געווען גרייט צו קעמפן קעגן די שונאים פון דער מענטשהייט.

בלויז אַ באמת רעליגיעזער מענטש קען האָבן אַזאַ טיפן און פולן גלויבן אין דעם ענדגילטיקן נצחון פון יושר אויף דער גאָרער וועלט פאַר דער גאָרער מענטש־הייט, — ווי חוה האָט געהאַט.

כבוד, גרויס כבוד צו איר ליכטיקן אָנדענק.

יון 1944 ניו־יארק

חוה די טרוימערין

פון

משה גדליה סאַיעטאַ

וואָס איז דער מענטש, אויב ניט גייסט און שטרעבן ? !

גיי איך אַרום און זוך.

איך זוך די נשמה פון חוה גאָרדין. איך פרעג ביי זיך: וואו איז זי אַהינ־געקומען ? וואו געפינט זיך איצט איר טרוימענדיקע נשמה ? איך פרעג ניט, וואו געפינט זיך איר קערפער. דאָס ווייס איך: ער ליגט אונטער אַ בערגל ערד.

איך גיי אַרום, איך זוך חוה׳ן.

איך זוך איר גייסט, איר אידעאַלעס געשטאַלט. און איך געפין שפורן פון אירע טריט, פון איר גאַנג אויף דעם וועג פון לעבן.

איך זע איר גאַנג אויף אַזויפיל קלאָר, אויף וויפל מיין געדעכעניש איז אימ־שטאַנד צו ברענגען מיך צוריק צו מיין יוגנט.

איך פרעג זיך נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל: וואָס זוכט דער מענטש? נאָך וואָס שטרעבט דער מענטש, דער מענטש, ניט די חיה וואָס גייט אויף צוויי פיס ?

אָט זע איך חוה׳ן אין די געדיכטע נעפלען פון דער פאַרגאַנגנהייט, און זי דערמאָנט מיך אין אַ צאָל שיינע, וואוילע מענטשן, מענטשן, פון יוגנט און שטרעבן, וואָס געפינען זיך אין אַ געזעלשאַפט וואָס קאָכט און זידט, סיי מיט שנאה און סיי מיט ליבשאַפט.

די רייען פון די טרוימער און זוכער זיינען מיט די יאָרן געוואָרן אַלץ שיטע־רער. דער האָט פאַרלאָזן דעם וועג צו דער „שטאָט פון זון" און האָט פאַרקירעוועט

אויף אַ זייטיקן שטעג וואָס איז באַלויכטן מיט שטראַלן פון גאָלד. ער האָט געפונען זיין גליק, זיין פערזענלעכן וואוילזיין. ער האָט פאַרביטן דעם וועג צו דער „שטאָט פון דער זון״ אויפן שטעגעלע, וואָס פירט צו דער שטאָט פון גאָלד און דערפאָלג. יענער האָט גלאַט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג, ער איז מיד געוואָרן און האָט זיך אַוועקגע־זעצט און וויל ווייטער אינערגעץ ניט גיין... גאָר יענער איז פאַרפאַלן געוואָרן. וואו איז ער הינגעקומען? מע ווייסט ניט. ער ווייסט אַליין ניט וואו ער געפינט זיך.

חוה, זע איך, גייט, שטעלט זיך ניט אָפּ, זעצט פאָרט איר גאַנג אויף דעם איי־גענעם וועג, אין דער זעלביקער ריכטונג, פאָרויס צו דער „שטאָט פון דער זון״. זי זוכט דעם אידעאַלן מענטשן, דעם זון פון דער אידעאַלער מענטשהייט. קיין פאַרהאַנג, ווי שוואַרץ און דיק ער זאָל ניט געוועזן זיין, האָט ניט געקענט פאַרשטעלן אָדער פאַר־טונקלען איר זוניקע וויזיע פון דער צוקונפט־געזעלשאַפט, פון דער אויסגעטרוימ־טער ליכטיקער צוקונפט.

אָט־דעם טרוים פון דער פרייער און יושר׳דיקער צוקונפט־געזעלשאַפט האָט זיך חוה איבערגעגעבן מיט איר גאַנצן לעבן דורך איר גאַנצן לעבן.

איך קוק און זע: חוה גייט צו אָט־דעם טרוים. זי וויל דווקא פאַרוואַנדלען דעם דאָזיקן צאַרטן איידעלן טרוים אין האַרטער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט.

חוה זוכט דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד פון אויסלייזונג, דאָס לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק פאַר אַלע קינדער פון דער מענטשהייט, און זי איז זיכער אַז זי וועט געפינען דאָס לאַנד העט־העט ווייט הינטער די הויכע בערג און אויף יענער זייט פון די טיפע טאָלן.

חוה גייט. די פיס ברעכן זיך אונטער איר. איר פעלט אויס אטעם. זי שטעלט זיך ניט אָפּ אויף קיין איין מינוט. זי גייט. זי קוקט זיך אַרום. זי זעט לעבן זיך און היב־טער זיך ווייניק מיטגייער. זי ווערט ניט אַנטוישט. זי האָט איין געדאַנק, גיין פאָרויס צו דעם לאַנד פון גליק פאַר דער מענטשהייט.

חוה האָט זיך אויפגעאָפּפערט פאַר דעם טרוים פון אַ גליקלעכן און פרייען מענטשן און אַ גליקלעכער און פרייער מענטשהייט. חוה האָט זיך אויפגעאָפּפערט טאָג איין טאָג אויס. זי האָט זיך מקריב געווען פאַר אַ בראַנדאָפּפער גלידערווייז. זי האָט אויסגעגאָסן איר בלוט אויפן אַלטאַר פון דער פרייער מענטשהייט טראָפּנווייז, ביז זי איז פאַרבליבן אָן אַ טראָפּן בלוט און האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אטעמצוג און דער ליכטיקער וויזיע פון פרייהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשנקינדער האָט זי אָפּגעגעבן איר זעל אויף אייביקער שמירה.

חוה איז געווען אויסגעהאַלטן, זי האָט אָנגעהאַלטן איין ליניע דורך איר גאַנצן לעבן, אָנהויבנדיק מיט דעם דערהויבענעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל פון פרייהייט און קעגנזייטיקער הילף און קומענדיק צו די ליכטיקע אידעאַלן פון אידישקייט אויפ־

געפּאַסט אַלס אידישע עטיק.

איך בין באַגייסטערט פון חוה׳ס גייסט, פאַר איר זוכן און געפינען איר ציל אין לעבן, איר צויבער־טרוים.

אָט־דער גייסט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט וועט קיינמאָל ניט אָפּשטאַרבן. אָט־דער אומרו אירער וועט זיך ניט באַרואיקן ביז ער וועט ניט פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון די אידישע נביאים, ביז ער וועט ניט פאַרוואָרן דעם גרויסן טרוים פון פרייהייט און ברידערלעכקייט, דעם אידישען „אחד״, די גרויסע סאָלידאַריטעט, די גרויסע איינ־הייט.

26־טן יון 1944 ברוקלין, נ. י.

וועז?

פון

ש. פעליטש

(דער אומפאַרגעסבאַרער חוה גארדין)

ניטאָ געוועזן.
מ׳איז — תמיד אין געשען.
שפּריצן אין רוים באַסיין.
שפּריי. שפּריי. אייביק גיי.
אין באַוועג, צי אין גליוער שטיי.
און ווערסטו אויף אַ רגע ניט —
איז דאָס נאָר לפנים
וואָרים —
תמיד ביסטו אינדערמיט,
אין טיפעניש פון ברונים.
אין ברויזעניש פון שטורם
קען ניט זיין פאַרגאַן.
חוה איז פאַראַן.
ציט אין איד־לייד קאַראַוואַן.
באַשווערט פון גרימיק פּיין:
אין די אויגן ווייטאָג טרויער,

אינם האַרצן צער קרעכץ —
איד־גרויל שמערץ.
וואָרים. שניידט קאַלטער שטאָל.
צערט פלאַקער פלאַם.
ווילדע טומאה הארדעס
אויף איר מאַרטירער שטאַם.
און זע: ליכט.
אַ שטראַל אויף דיר געריכט.

גאולה אנטדעקט האט חוה
אין דער תורה
עטיק.
אַ אידעאַל — אידיש־אוניווערסאַל.
אַחרית הימים צוועק.
אויסלייז פון אכזריות שרעק.

טונקלען זונען, פאַלן שטערן.
איבער אַלע לערן אין גליאיק ווייטאק טרער:
אָ, ווען?
איך — ער ווער!

„איינגעזאַמלט געוואָרן צו איר פאָלק"

פון

ב. ריווקין

דער חומש אויסדרוק „איינגעזאַמלט ווערן צום פאָלק" פאַסט זיך זייער גוט אויף חוה גאָרדין.

זי האָט זיך אומגעקערט צו איר לעבנס־אָנהייב אין הויז פון אירע עלטערן. דורך אַלע אירע גלגולים אין אַמעריקע איז זי געגאַנגען צוריק צו דעם שורש. דורכ־געגאַנגען איר לעבנס וועג, איז זי איינגעזאַמלט געוואָרן צו איר פאָלק.

וואָס האָט איר אין 1902, ווען זי איז קוים 16 יאָר אַלט געווען, אַ הויב געטאָן

פון ראיגראד אַוועקצולאָזן זיך איינע אַליין אין דער וויטער אַמעריקע ?

אַ פלייסיקע אַ געזונטע, אַן ענערגישע. מיט אַ דור פריער וואָלט פון איר זיך אויסגעהאָדעוועט אַ טיפּישע אשת חיל וואָס האָלט אויס איר מאַן, דעם לערנער. אָבער די צייט איז אָט־דעם טראַדיציאָנעלן נוסח פון אַ אידישער פרויס באַרוף שוין געווען אַריבערגעוואַקסן. וואָס זאָל זי טאָן ? מיט וואָס זאָל זי אירע הענט פאַרנעמען ? אַוועקזעצן זיך וואַרטן מיט צונויפגעלייגטע הענט ביז זי וועט אַ כלה ווערן ? איז אַנגעקוואָלן אין איר אַן אומבאַפרידיקטקייט וואָס האָט איר מער ניט געלאָזט איינזיצן אין ראַיגראָד.

צוויי ירושות האָט זי מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע — די רבנישע פון מוטערס צד, דער חלום וועגן תורה לערנען, וואָס זי האָט אַריינגעצויגן מיט דער מאַמעס מילך; און דעם אונטערנעמערישן ברען גע׳ירשנט פון טאַטן און נאָך מער אפשר פון זיידן, פון טאַטנס צד, וועלכער איז געווען דער העלד פון אירע חלומות. וועלכע ירושה האָט אין איר איבערגעוואויגן ? ווען אירע הענט וואָלטן ניט געווען פאַרשלונגען אַזויפיל פון איר ענערגיע וואָלט זי געווען א בעל חלומניצע אויפן וואָר אָבער איר בריהשקייט האָט פאַר דעם קיין צייט ניט איבערגעלאָזט. פלעגט זי אָפּשפּאָרן צייט פאַר חלומות אין די נעכט. אַלע אירע לעבנס ווענדונגען פלעגן זיך באַ איר סימבאָליזירן אין חלומות. פאַר איר אָפּפאָרן קיין אַמעריקע — האָט זי מיר פאַראיאָרן דערציילט — האָט דער זיידע פון טאַטנס צד זיך צו איר געוויזן אין חלום. אָט דער זיידע איז געווען דער בעל הבית פון אַ גרויסער ציגעלניע. נעמט זי דער זיידע אין אַ קאַרעטע און פירט זי אַרויס צו דער ציגעלניע. ווייזט איר אַלץ אויס און ער ברענגט זי צום גרויסן באַק־אויוון. זי איז פאַרכאַפּט, אַזאַ ריזיקער אויוון ! זי ברענט צוזאַמען מיטן אויוון. און פלוצלינג האָט אַ האָן אַ קריי געטאָן. — איך מוז אַוועק ! — זאָגט דער זיידע. האָט זי זיך גענומען באַ אים בעטן ער זאָל איר מיטנעמען, — ניין, זאָגט ער — דו בלייבסט דאָ. דו האָסט נאָך אַ סך צו לעבן, דו וועסט נאָך ברענען אַ וועלט. — גראָד דער אפיקורסישער, גאָטלאָזער אַנאַרכיזם — דער היפוך פון איר זיידנס, דעם רב׳ס תורה — האָט איר צוגעצויגן. פאַרוואָס אַזוי ? ווייל דער דעמאָלטיקער אַנאַרכיזם — האָט געפּרעדיקט סאָציאַלע רעוואָלוציע גלייך אויפן אָרט מיט אַלע גליקן פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר דער געהויבענער מענטשלעכער פּערזענליכקייט. איז דאָך דאָס געווען אַ ישעיה הנביא׳ס אחרית־הימים — דעם קאַפּיטל ישעיה האָט זי נאָך געדענקט אויף אויסווייניק. איז עס נבואה על פי נוסח אַמעריקע. (איך דענק, אַז ניט איין איד איז דעמאָלט געוואָרן אַ גאָטלאָזער אַנאַרכיסט, ווייל אין אים האָט זיך אָפּגערופן ישעיהס אחרית־הימים), אַרבעט איז דאָ געווען לרוב. וואָרים די „פרייע אַרבעטער שטימע״ ווי אַלעמאָל איז כסדר געווען אויף משקולות און מען האָט איר כסדר געדאַרפט ראַטעווען דורך אונטערנעמונגען — פּויערים בעלער, באַזאַרן און

פיקניקס. — דערצו נאָך האָט חוה געאַרבעט אין שאָפּ. דער פאַך, וואָס זי האָט אויס־געקליבן, העדמעלך־ניייריי, האָט מער געסטרייקט ווי געניית, ביז מע האָט אויס־געלערנט דאָס העמדל צו געבן די מיידלעך־נייטאָרינס אַ קלייד און אַ שוך. האַבנדיק אויף די הענט אי די זשיפּענדיקע פּ. א. ש., אי דעם טומלדיקן פאַך, האָט חוה געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ, די ריכטיקע ענערגיע־אויסברענגונג, וואָס האָט איר אַזוי פּאָ־ליובעט . . .

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר צענדליק יאָר.

עס איז אונטערגעקומען אבא גאַרדין מיט אַ סעריע לעקציעס. דאָ האָט זיך חוה געפונען. דאָס איז געווען דאָס נאָענטסטע צו איר זיידן פון מאַמעס צד, צום רב, וואָס זי האָט ווען באַגעגנט. ניט קיין איבער׳חזר׳ונג פון פאַרטיקע אמת׳ן, נאָר אַ זוכן, פאָרשן, אַ גראָבן זיך נאָך נייע אמת׳ן. ניט קיין אלף בית, ניט קיין „עברי" אין סידור, נאָר מדרש און גמרא. אפילו אַזאַ לעקציע ווי „אני יהוה" . . . אַזוי איז די „אידיש־עטישע געזעלשאַפט" געגרינדעט געוואָרן מיט חוה׳ן אַלס סעקרעטאַרין.

איך וועל ניט קאָווירן, אַז די טיפקייטן פון אבא גאַרדינס פילאָזאָפיע האָבן באַצוואונגען איר מוח און האַרץ. נאָר ער האָט צוגעטראָפן דעם חלום פון איר קינד־הייט. זי האָט דערזען אין אים בפועל־ממש איר זיידן, דעם רב. נאָך מער, ער וואָלט געקענט זיין אַ רבי פון רבנים. וואָס ער לייגט אַריין אין איין וואָרט „אנוכי" — איז אַ נייע אַריינדרינגונג אין דער תורה, וואָס דאַרף עפענען די מוחות פון די גרעסטע תלמידי־חכמים. תורה פאַר כל־ישראל, פאַר פרומע און ניט פרומע צוגלייך — מיט אַלע פרייהייטן וואָס דער אַנאַרכיזם האָט צוגעזאָגט, און ניט געהאַלטן וואָרט. אַזוי און ניט אַנדערש האָט זי געקוקט אויף גאַרדינ׳ען — ווי אויף אַ רבי פון רבנים! זי פלעגט פאַרוואַרפן אידישע שרייבערס, פאַרוואָס זיי קומען ניט אָפטער לערנען ביים רבי׳ן. זי האָט ניט געוואוסט, אַז אידישע שרייבערס, בדרך־כלל, האַלטן, אַז זיי דאַרפן מער ניט לערנען . . .

אין איר גופא האָבן זיך אָפּגערופן די מידות, וואָס לויט אירע השגות דאַרפן באַצירן אַ מענטשן, וואָס האָט די זכיה צו זיין נאָענט צו אַ רבי׳ן, די מידה פון הכנסת־אורחים. עס איז ניט צו באַשרייבן די שמחה מיט וועלכער זי פלעגט מכבד־זיין אַ גאַסט. אויף יעדן ביסן זיינעם פלעגט איר האַרץ מאַכן אַ ברכה.

חוה איז געווען אָנגעלאָדן מיט בטחון. „איך בין אַלע מאָל זאָרגלאָז" — האָט זי מיר איינמאָל געזאָגט — „איך בין אַלע מאָל זיכער, אַז עמיצער זאָרגט זיך פאַר מיר" . . . און זי האָט מיר דערציילט דערויף אַזאַ מעשה: איינמאָל ווען גאַרדין איז געווען אַוועקגעפאָרן און אין שאָפּ איז געווען „סלעק", איז זי מיט איר לעצטן קוואָ־דער אַריין אין „קרוסיידער". האָבן זיך גלייך צוגעזעצט צוויי דריי בעלנים מיטצו־

האַלטן איר מאַלצייט „על חשבון הגביר'טע"... „וואָרט, חברה", — גיט זי אַ זאָג צו זיי — „איך קום באַלד צוריק". זי גייט אַרויס און עס קומט איר אַנטקעגן אַ באַ־קאַנטער, וועמען זי האָט שוין לאַנג ניט געזען. — „איר ווייסט, חוה, אַז איך בין אייך שולדיק אַ פּינפּערל?" — „נו, ווער מאָנט ביי אייך? אַז איר וועט האָבן, וועט איר מיר אָפּגעבן". — „גראָד איצט האָב איך!" — דער „קרוסיידער" האָט נאָך אַזאַ פּריי־לעכע סעודה ניט געזען.

חוה האָט זיך אַנגענומען מיט קלוגשאַפט פון האַרצן, וואָס ליבשאַפט צו מענטשן גיט. אין שאָפּ, וואו זי איז געווען טשערליידי, האָט דער בעל־הבית זי ניט ווייניקער געשעצט, ווי די אַרבעטאָרערינס, די איטאַליענישע מיידלעך. ווי געשיקט זי פלעגט קאָנען די קאַטולישע מיידלעך אַרויסריידן פון זייערע אַבערגלויבנס און פאָראורטיילן, ביז זיי האָבן זיך געגומען אַנטרויען צו איר מיט זייערע ליבע־סעקרעטן און פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן. איך האָב אַליין געזען, ווי אַן איטאַליענישע מיידל האָט זיך געוואָרפן אויף איר קושן אינמיטן גאַס...

די פאַרווירקלעכונג פון איר קינדהייטס חלום האָט איבעראָנגעשפּאַנט איר פּי־זישע ענערגיע. פיזישע כוחות האָבן אַ גרעניץ; און אַ קראַנקייט האָט זי גענומען טאָט־שען. און ווי דער שטייגער איז מיט איר געווען, איז דער אָנהויב פון איר קראַנקייט אָנגעזאָגט געוואָרן דורך אַ חלום. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1938 באַלד נאָכן טויט פון אַברהם ליעסין, ביי וועמען זי און אבא זיינען געווען אָפּטע איינגייערס. חלומ'ט זיך איר, אַז זי גייט אין אַ פּראָצעסיע. די פּראָצעסיע שטעלט זיך אָפּ און זי, חוה, קומט אויס האַרט ביי אַן אָפענער גרוב אויף אַ ווינקל גאַס. נו, טראַכט זי זיך, עס איז באַשטימט דו זאָלסט זיך לייגן אין קבר אַריין. באַשטימט איז באַשטימט! אָבער פּלוצים דערהערט זיך ליעסינס קול. ער שטייט און נעבן אים די נאַר־וואָס פאַרשטאָר־בענע אייזנבערג, איינע פון די ערשטע מיטגלידער פון דער „אידיש עטישער געזעל־שאַפט". און ליעסין פּסקנ'ט אָפּ: „אויב זי וויל ניט, דאַרף מען ניט". — עס איז איר באַשערט געווען צו לעבען נאָך זעקס יאָר.

מיט דריי יאָר שפּעטער. אבא גאָרדין איז ווידער אויף אַ לעקציע־טור. קומט זי אַ פרייטיק פאַרנאַכט פון דער אַרבעט מיט מורא'דיקע קרעמפּן און שטעכענישן, און פאַלט באַלד אין בעט אַריין. קומט די מאַמע איר צו חלום מיט איר גאַנצער שיינ־קייט: „דאַרפסט זיך ניט שרעקן, מיין קינד. עס וועט דיר נאָך גוט זיין. דו וועסט געזונט ווערן", און זי גיט איר אַ קוש אין די ליפּן, און חוה כאַפּט זיך אויף. זי זעט, זי ליגט אויף דעם דיל. זי הערט, מע קלאַפּט אין טיר. זי עפנט: אַ גאַסט פון קאַלי־פאָרניע. — „אַ שעה צייט ווי איך קלאַפּ, און נעכטען געקלאַפּט און אייערנעכטן". — — „וואָס מיינט איר אַ שעה־צייט? איך קום דאָך נאַר־וואָס פון דער אַרבעט". —

„אזוי ביזי זייט איר, זונטיק אַרבעט איר אויך ? !״ — עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז צוויי מעת־לעת איז חוה אָפּגעלעגן אין חלשות.

„דער מאַמעס קוש האָט געהאַט טעם גן־עדן״ — האָט זי מיר דערנאָך דער־ציילט — „דער תענוג ליגט נאָך איצט מיר אויף די ליפּן״. — דער קוש האָט איר געגעבן נאָך דריי יאָר לעבן.

ווען זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף איר לעצטער קראַנקייט, האָט זי געוואוסט, אַז זי גייט שטאַרבן. איידער נאָך זי האָט זיך אַליין עס אויסגעזאָגט. פרייטיק וואָס פאַרן זונטיק פון איר טויט, האָט זי עס זיך אויסגעזאָגט. „מיך אַרט ניט וואָס איך שטאַרב״ — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו פריינט פאַגלסאָן, — „אָבער ווער וועט אַכטונג געבן אויף אבא׳ן ?״

זי האָט פאַרענדיקט איר לעבנס־ציקל, צופירנדיק דעם סוף פון איר לעבן צו איר לעבנס־אָנהויב אין הויז פון אירע עלטערן. זי איז ווירקלעך „איינגעזאַמלט גע־וואָרן צו איר פאָלק״. זיכער האָט דער מאַמע־קוש איר באַגעגנט און געפירט גלייך אין גן־עדן אַריין. אָבער דער לעבעדיקסטער טייל פון איר נשמה איז געבליבן פאַר־קערפּערט אין דער „אידיש עטישער געזעלשאַפט״.

29־טן יולי 1944, ניו־יארק

מיין אידישער מאָטיוו

(געהייליקט חוה׳ן ע״ה)

פון

א. מ. נישטאַנישק

א.

— געזונגען האָבן טרובאַדורן פון מלחמה
און מינעזענגערס פון געלוסטיקונג צום ווייב ;
געזונגען האָבן זיי
פון טרויבן־ווין, וואָס פרייט דאָס האַרץ, קוויקט די נשמה.
דאָס איז דער לידער־שפּריי :
מאָטיוון דריילינג פאַר די מוזעס צייט־פאַרטרייב ?

אָ, ליד־בויער, זאָג וועלכן קאָרן טוסטו זייען ?
צו וועלכן שפּייכלער טראָגסטו גאַרבן פון געזאַנג ?
צי הימנס פרום פאַרפאַסט,
אין טעמפּל פון דער שיינקייט־געטין ביסטו כוהן ?
זאָג, אונטער וועלכער לאַסט
פון קערנער בויגט עניוות׳דיק דעם קאָפּ דיין זאַנג ?

— איך זינג פון דעם געראַנגל מיטן יצר־הרע.
איך זינג פון אהבה רבה צו מיין ליבער זי—ך.
איך זינג פון דעם געטראַנק,
וואָס שוימט אין גאָלדן בעכער פון פאַרטיפטער סברה ;
איך זינג פון דעם געזאַנג,
וואָס פאַר נשמה׳ס גוף נייט אויף אַ קלייד און אַ פּאָר שיך.

איך בין די דריי אין איינס : מאַן, פרוי, און קינד — אַ שעפער.
און כאָטש אַ זעער בין איך דאָך אַ בלינדער דזשאַד.
שלעפּ קוים די פיס, באַטרעט
צעקרימטן זעלן־שטעג, איך — בלאָנדזשענדיקער טרעפער.
ביי זיך מיט רחמים בעט :
קדושה פונקען ראַטעווע פון טומאה־טשאַד . . .

ב.

איך בין אַ כשר קינד אין ר׳ ישראלס הויז,
פון אידנלאַנד אן אלטער איד ;
פון נביאים און תנאים כ׳בין א לייבלעך זון,
איך שטאַם פון גאונים און רבנים.
„אין וועגן פון די גוים, רשעים זאָלסט ניט גיין.״
עכט אידיש איז מיין גאַנג פון ליד,
מיין נאָכזינגען אַ שיכור, גזלן, נואף, זשלאָב,
עס וואָלט געהאט א שיינעם פּנים !

איך קען דאָך ניט באַזינגען מיט מיין אידיש וואָרט
און תנועה, ניגון — אַ געשלעג.
זאָל איך באַפידלען נידערלאַגע פון מיין פיינט.

באַלידלען עפּיש זײַן מפּלה ?
אַז װען ער פֿאַלט אין שלאַכט, איך שיער ניט קריעה רײַס,
זיץ שבעה נאָך אים זיבן טעג . . .
בשעת דער ים־סוף ־ קאַטאַסטראָפֿע כ׳האָב פֿאַרװוערט
מלאכים׳ס־שירה, כאָר און סאָלאָ.

עס איז געַנוג פֿאַר מיר איין קוק אויף רײנעם ספּירט
מיר זאָל פֿאַרדרײען זיך דער קאָפּ . . .
ובכן פֿון שיכרות װי קום איך מיט לויב־געזאַנג
פֿאַרשײט און פֿרײלעך זיך צעזינגען !
גיסט װי אויף הייסע קוילן, שיכורט טאָג און נאַכט
דער זולל־וסובאָניק, דער פּאָפּ,
בעת „מרא דאתרא" פֿאַסט הפסקות, מיט זײַן גוף
טוט כסדר אַמפּערן זיך, דינגען . . .

פֿון גיסן ייִן־נסך אין דעם טיפֿן האַלדז
איך מאַכן קען דאָך ניט קיין קולט.
פֿון דער עבודה־זרה, פֿרעסן־זויפֿן־דינסט,
װעל איך ניט זײַן דער קרומער כומר.
די תורה, חומש און גמרא, האָבן מיך
גאַנץ היפּש געאײדלט און געשולט.
כאָטש, ליידער, בין איך אַלץ געבליבן אַ „בעל־גוף",
דאָך קיין משרת־יונג ביים חומר . . .

ניט קוקנדיק אויף דעם, װאָס איך באַהויז מײַן „איך",
פֿאַרקערפּער איך אים ניט אין בײַן.
„ניט מאַך פֿון זיך קיין געץ !" איך בין אויף אָט־דעם לאװ
פֿון געצנמאַכעריי ניט עובר.
„זאָלסט זיך צו זיי ניט בוקן !" אָט־דעם צװײטן לאװ
איך היט שטרענג אָפּ, בלייב זויבער רײן.
דעם מכשול פֿון זיך־געצן שװינט מײַן פֿלייש און בלוט,
געשטרויכלט װערט אין מיר קיין אבר.

עס איז כדאי בזיון וקצף װאָס מײַן גוף
מיט מיר איז װאו איך שטיי און גיי.

דאָס, אָבער, איז, לעת־עתה, אַ פאַרפאַל'נע זאַך:
איך קען זיך געבן דען אַן עצה!
קיין געץ איך מאַך פון גוף, בלויז משכן פאַר דער זעל,
אַ טעמפּל מיט מזבחות צוויי.
און ווען דער „בית"־קערפּער נויטיק דאַרף רעמאָנט,
ער קריגט אַ „שהכול" און „המוציא"...

געזונגען האָבן טרובאַדורן פון מלחמה
און מינעזענגערס — פון געלוסטיקונג צום ווייב.
געזונגען האָבן זיי
פון טרויבן־וויין, וואָס פרייט דאָס האַרץ, קוויקט די נשמה.
דאָס איז דער לידער־שפּריי:
מאָטיוון דריילינג פאַר די מוזעס צייט־פאַרטרייב.

איך זינג פון דעם געראַנגל מיטן יצר הרע.
איך זינג פון אהבה רבה צו מיין ליבער זי—ך.
איך זינג פון דעם געטראַנק
וואָס שוימט אין גאָלדן בעכער פון פאַרטיפטער סברה;
איך זינג פון דעם געזאַנג,
וואָס פאַר נשמה'ס גוף נייט אויף אַ קלייד און אַ פּאָר שיך...

פריינטשאַפט דורך טרערן

פון

דניאל טשאַרני

דאָס איז געווען מיט דריי יאָר צוריק. כ'בין געווען אָקאָרשט געקומען פון דעם אָקופּירטן פּאַריז. די פרויען־גרופּע ביים „שרייבער־פאָנד" פון י. ל. פּרץ־פאַראיין האָט געוואָלט אָפּנעמען פון מיר אַ פרישן גרוס פון „יענער וועלט". ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי הונדערט פרויען פון מיין סביבה, פון מיין וועלט — פון „אידישלאַנד". פרויען, וואָס שרייבן אַליין, פרויען, וואָס זייערע מענער שרייבן און אלמנות פון אידישע שרייבער.

פאַר אַזעלכע פרויען מוז איך אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. ווי אַ רעדנער. ס׳איז מיין ערשטער אויפטריט אין אַמעריקע! האָב איך אַנגעהויבן שילדערן דאָס אידיש לעבן אין אקופירטן פאַריז.

די אידישע פרוי צווישן נאַציס. דאָס אידיש קינד אונטערן האַקנקרייץ. קיין טאַטעס זיינען נישטאָ. די טאַטעס זיינען קריגס־געפאַנגענע ביי היטלערן. „אטשערעדן" פון 5 פאַרטאָג ביז 5 פאַרנאַכט, אַטשערעדן פון טויזנטער מענטשן נאָך אַ פונט קאַר־טאָפל, נאָך האַלב גלאָז מילך, נאָך אַן איי! דער מענטש ווערט „דאַרטן" פאַרבידלע־וועט. אויס „צלם אלקים", אויס „נשמה יתירה", אויס מענטשלעכקייט בכלל. די גאַנצע וועלט איז נישט מער, ווי אַ קאַרטאָפל, נישט מער, ווי אַן איי, נישט מער, ווי אַ טראָפּן מילך! מענטשן פאַלן אין די „אַטשערעדן" פון הונגער, פירט מען זיי אַרויס — פרייען זיך די הינטערשטע רייען, וואָס מען איז געוואָרן מיט אַ טראָט נעענטער צום ציל. אַ מענטש ווינציקער — אַ שאַנס גרעסער צום צעפוילטן קאַרטאָפל.

אָט דאָס אַלץ האָב איך געמוזט דערציילן דענסטמאָל אין דעם קרייז פון די פאַרגליווערט־געוואָרענע צוהערערינס מיינע.

אָבער אָט באַמערק איך אין דער ערשטער ריי, וויינט אַ פרוי. אַ פעסט־גע־בויטע, שטאַרקע פרוי וויינט. ווער איז די פרוי? איז זי אַ שרייבערין? איז זי אַ פרוי פון אַ שרייבער, איז זי אפשר אַן אלמנה פון אַ באַקאַנטן שרייבער?

אויף איר קוקנדיק — האָבן אויך די אַנדערע פרויען אָנגעהויבן ווישן די פייכט־געוואָרענע אויגן. ערשט דענסמאָל האָב איך באַמערקט, אַז איך אַליין ווערג זיך מיט די ווערטער מיינע. ס׳איז מיר פלוצלונג ענג געוואָרן אין האַלדז. אויך מיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו נעצן.

כ׳האָב דאָך שוין אַזוי לאַנג ניט געוויינט! „דאַרטן" האָב איך קיינמאָל נישט געוויינט! ס׳איז דאָך „דאַרטן" (אין אָקופירטן פאַריז) אַלץ אַזוי איינפאַך און נאַטיר־ליך! דער מענטש ווערט אויס מענטש. דער מענטש ווערט „גלייכגעשטאַלטעט", ער ווערט אַ בידלע! און בידלעס וויינען דאָך נישט!

האָט מיר, הייסט עס, די וויינענדיקע פרוי אומגעקערט דעם „צלם אלקים" מיינעם! האָט זי מיך, הייסט עס, ווידער אַמאָל געמאַכט פאַר אַ מענטשן!

ווער איז זי די דאָזיקע פרוי, וואָס האָט די ערשטע פאַרנומען דעם גרויסן צער פון די פאַרבידלעוועטע מענטשן אויף יענער זייט אַטלאַנטיק?

ווער איז זי די פרוי, וואָס האָט די ערשטע דערשפירט דעם גרויסן בראָך פון דער וועלט און דעם נאָך גרעסערן בראָך פון אונזער פאָלק?

— ס׳איז געווען חוה גאָרדין!

ערשט שפּעטער, ביי אַ טעפּעלע קאַווע מיט היימישן קוכן האָב איך זיך דער־

וואוסט, אַז די פרוי אין דער ערשטער ריי, וואָס האָט די ערשטע אָנגעהויבן צו וויינען פון מיינע רייד — איז געווען חוה גאָרדין!

אַזוי אַרום איז אונזער ערשטע פריינטשאַפט געשלאָסן געוואָרן דורך טרערן. אַזעלכע פריינטשאַפטן טריקענען נישט אויס אַזוי גיך (אַפילו אין אַמעריקע!).

איז מיר אַמעריקע געוואָרן פיל נענטער און היימישער, ווען כ'האָב זיך דער־וואוסט, אַז ניו־יאָרק פאַרמאָגט נאָך אַזעלכע אידישע פרויען, אַזעלכע מענטשלעכע פרויען, אַזעלכע מיטליידנדיקע פרויען!

פלעג איך אָפט טראַכטן, אַז נישט צופעליק איז אַזאַ פרוי, ווי חוה גאָרדין גע־וואָרן די סעקרעטערין פון דער „אידיש־עטישער געזעלשאַפט".

אידישקייט און עטיק — דאָס איז אונזער ברויט מיט זאַלץ (אין וועלכער ס'אי־דיש לעבן אין אַמעריקע נייטיקט זיך באַזונדערס שטאַרק)!

נעמט זי אָבער, חוה, און זי פאַרשווינדט פלוצלונג פון ניו־יאָרק, פון אַמערי־קע און פון דער וועלט בכלל.

פאַרוואָס איז זי אַזוי פרי אַוועק פון אונדז?!

זי האָט דאָך געוואוסט, אַז קיינער קאָן זי נישט פאַרבייטן!

אָבער אַזוי איז שוין אונזער טראַגישער גורל, וואָס גראָד די, וועלכע מיר האָבן נייטיק באַזונדערס שטאַרק — פאַרלאָזן אונדז די ערשטע. זיי האַלטן נישט אויס דעם גרויסן צער פון דער וועלט און זיי שטאַרבן אינמיטן גאַנג, אינמיטן וועג!

פעלט זי אונדז איצטער, זוכן מיר זי איצטער אין די אַלע מעשים טובים אירע אין וועלכע זי האָט זיך אויפגעלייזט, דערמאָנען מיר זי איצטער ביי יעדער גוטער און ניט־גוטער געלעגנהייט, שנירלען מיר אָן, ווי ירושה־פערל אויף אַ זיידענעם שנור אַלע געבענטשטע טעג פון איר לעבן און מיר בענטשן איר אָנדענק, און מיר הייליקן די אַלע פאַרפערלטע טרערן אירע, וואָס זי האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה.

צי איך אויך אַרויף אויף אָט דעם ירושה־שנור יענע פאַרפערלטע טרער, וואָס חוה גאָרדין האָט מיר געשענקט ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין אַמע־ריקע.

זאָל זי זיין פאַר אונדז אַ גוטע בעטערין אויף „דאָרטן", וואו מיר וועלן זיך ווידער אַמאָל פריער־שפּעטער באַגעגענען אויסגעלייטערטע און ליכטיקע, פּונקט ווי זי — חוה גאָרדין!

אַ מענטש

זה ספר תולדות אדם זה כלל גדול בתורה (בר״ר פכ״ד)

פון

זלמן ב. זאָהן

שוועד זיך פאַרצושטעלן אַז חוה גאַרדין איז שוין מער ניטאָ מיט אונדז. דעם 23טן מאַי, דער טאָג פון חוה'ס לויה, כאַפּ איך זיך אויף אין דער פרי אין מיטן פון אַ חלום. מיר האָט זיך געדוכט אַז איך בין געווען אין הויז פון די גאַרדינס, און אַז חוה, אַ לעבעדיקע, אַ מונטערע, אַ פרישע, אָנגעטאָן אין אַ פרילינג אָנצוג, רופט זיך אָן צו אבא'ן און צו מיר, „קומט, קומט, לאָמיר גיין צו דער לויה״. מיטן קלאַנג פון אָט די ווערטער אין מיינע אויערן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. מאָמענטאַל בין איך געקומען צום פולן באַוואוסטזיין, און אַ גרויל האָט מיך אַדורכגענומען. חוה איז געשטאָרבן, און די לויה איז נאָך איר. מיין כח הדמיון האָט זיך ניט געקענט אויסמאָלן אַז די „אידיש־עטישע געזעלשאַפט״ זאָל דורכפירן וואָסער עס איז אונטערנעמונג, און חוה זאָל ניט זיין דערביי און מאַכן אַלע נויטיקע פּאַרבאַרייטונגען, אַריינרעכנענדיק אָט די לעצטע אונטערנעמונג — איר אייגענע לויה.

אָפיציעל, איז חוה געווען די סעקרעטערין פון דער „אידיש־עטישער געזעלשאַפט״. פּאַקטיש, האָט זי די געזעלשאַפט געטראָגן אויף אירע פּלייצעס. זי איז געווען אַן ענערגישע טוערין, אַן אומדערמידלעכע ארבעטערין. זי איז געווען דער מאָטאָר און טרייב־קראַפט פון דער געזעלשאַפט. בלויז איין מיטינג האָט זי פאַרפעלט — איין מיטינג, און ניט מער; און דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען זי איז שוין געלעגן אין שפּיטאָל. מאַגאַטן פאַר דעם איז זי דורכגעגאַנגען שרעקלעכע אַנגסטן און פּיין; דאָס האָט איר אָבער ניט צוריקגעהאַלטן פון אָנצוגיין מיט איר אַרבעט.

גרויסע מענטשן געפינען זיך ניט אַלעמאָל גראָד צווישן די יעניקע וואָס זיינען מרעיש עולם, וואָס מאַכן אַ גרויסן טומל אויף דער וועלט. גאַנץ אָפט, צו אָפט, זיינען די אַזוי גערופענע „גרויסע מענטשן״ גאַנץ קליין און קליינלעך, און עס איז בלויז די דערהויבענע פּאָזיציע, די הויכע שטאָלצן אויף וועלכע זיי שטייען, וואָס מאַכט זיי אויסקוקן הויך און גרויס.

וואָס איז אַזוינס אַ גרויסער מענטש?

אַ זשעני? אַ מענטש מיט ספּעציעלע פעהיקייטן און טאַלאַנטן? אַ מענטש וואָס בליצט און שטורמט? ניין. פון דעם עטישן שטאַנדפּונקט איז אַ גרויסער

מענטש דער יעניקער וואָס ווייכט ניט פון זיין פליכט, וואָס איז עכט אין אַלע זיינע האַנדלונגען, וואָס איז איבערגעגעבן, געטריי און ערלעך אין זיינע באַציאונגען צו זיינע מיט־מענטשן, וואָס לעבט אין איינקלאַנג מיט זיינע איבערצייגונגען. אַזאַ איי־נער איז אפשר ניט קיין גרויסער מענטש, אין אנגענומענעם זין פון וואָרט, ער איז אָבער עפּעס בעסערס — ער איז אַ מענטש. און אָט־דער טיטל מענטש איז דער העכ־סטער טיטל וואָס מען קען זיך דערווערבן. אַלע אַנדערע ערן־נעמען לגבי דעם איז אַזוי ווי די שיין פון חלבנע ליכטלעך אין פאַרגלייך מיט דער פּראַכט פון דער זון.

חוה גאָרדין האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט וואָסער עס איז באַזונדערן טאַ־לאַנט אָדער פעהיקייט. איר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט יעדער דורכשניטלעכער מענטש געקענט טאָן. זי האָט זיך אָבער יאָ אויסגעצייכנט מיט איר פלייס, איר איבער־געבענקייט, איר פשטות, איר תמימות. זי האָט זיך אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיטן דערפאָלג פון יעדער אונטערנעמונג, אין וועלכער זי האָט אַנטייל גענומען; און דער־פאַר האָט זי ניט געפונען קיין אַרבעט, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער אונ־טערנעמונג, וואָס זאָל זיין אונטער איר ווערדע. ביי אַ מיטינג און לעקציע פון דער אידיש־עטישער געזעלשאַפט איז זי געווען די סעקרעטערין און אַמאָל אויך די פאָר־זיצערין, זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע וועלכע פלעגט זיך גאַנץ אָפט אַנטוויקלען נאָך דער לעקציע, און אַמאָל געוועדט צום עולם וועגן איין פּראַקטישן ענין אָדער אַ צווייטן. און אין אַנדערע פאַלן, אויב עס איז געווען נויטיק, איז זי געשטאַנען ביי דער טיר, און אויפגעפאַסט אז יעדער נייער מענטש, וואָס קומט אַריין, זאָל האָבן אַ שטול צום זיצן, אַליין צעשטעלט די שטולן, געדעקט די טישן, סערווירט טיי און צובייסענס, צעוואַשן די כלים — אַלץ וואָס איז געווען נויטיק. איר איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אום איר כבוד אדער אומכבוד. זי האָט דעם גאַנצן קליינלעכן, נידערטרעכ־טיקן ענין אריבערגעוואַקסן, און געלעבט אין אַ העכערער ספערע — אין דער ספערע פון ליבע און לאָיאַליטעט צו אַ פערזאָן, אַ געזעלשאַפט, אַ אידעאַל.

חוה גאָרדין איז ניט געווען קיין פילאָזאָף, זי האָט געלעבט ווי אַ פילאָזאָף. זי האָט געהאַט איבערצייגונגען, און געהאַט די מוט און דרייסט צו לעבן לויט אירע איבערצייגונגען. ניט ווי אַנדערע, וואָס פאַרווילן זיך מיט גערדאַנקלעכע שמועסן, ווי קינדער וואָס שפּילן זיך מיט צאַצקעס, און למעשה, אין לעבן, גייען זייער אָקסען־גאַנג, לויפן נאָך דער סטאַדע.

זי איז ניט געווען אינטעלעקטועל בכח אויסצוטרוימען און אויפצובויען נייע אידייען און אידעאַלן. זי איז, אָבער, מאָראַליש געווען בכח אויסצוקלייבן פרייוויליק אַ שווערן און אָרימען לעבן אום צו העלפן טיילוויז פאַרווירקלעכן די אידייען און אי־

דעאַלן פון איר לעבנס־באַגלייטער און פריינט. און טאַקע דערמיט אַליין, מיט דער האַנדלונג גופא, געשאַפן אַ זעלטענעם מוסטער, געגעבן אַ זעלטענעם ביישפּיל, פון אַט די אידייען און אידעאַלן. אונטער יעדן זייטל, אונטער יעדער שורה, פון אבא גאָרדינ׳ס ווערק און שריפטן ליגט פאַרבאַהאַלטן חוה׳ס ענערגישע אונטערשטיצונג, איר ליבע און געטריישאַפט, איר מוטערלעכע צערטלעכקייט, איר פיזישע און מאָ־ראַלישע הילף.

חוה איז ניט געווען קיין דיכטערין, און האָט ניט געשריבן קיין פּאָעמעס — זי איז אַליין געווען דיכטונג. ווי דאקטאר סאניע קאַמינעצקי (פון דער פרויען פיאָנערן אָרגאַניזאַציע) האָט זיך אויסגעדריקט ביי איר לויה „וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט מיט ווערטער, האָט חוה געזאָגט מיט איר אַנוועזנהייט״, מיט איר לעבן, מיט אירע האַנד־לונגען.

אין אַ וועלט פון מאַסן־פּראָדוקציע, וואו אַלץ ווערט געמאָסטן אויפן טאָן, איז שווער צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן אַזאַ סאָרט פּערזאָן, ווי חוה גאָרדין. וויפיל פונד גוטעס האָט זי געטאָן? וויפיל מיליאָנען, אָדער אמווינציגסטן, וויפיל צענדליק טוי־זענטער מענטשן האָבן גענאָסן פון איר וואוילטעטיקייט? ניין, אונדז אינטערעסירט ניט די מאָס, די גרויס, דער שטח, די קוואַנטיטעט. די פראַגע איז דאָ — ווי אַזוי, דער אָרט, דער אופן, די קוואַליטעט. ווען ניוטאָן זעט אַן עפּל אַראָפּפאַלן פון בוים, דערזעט ער דעם געזעץ פון גראַוויטאַציע וועלכעס באַוועגט אויך פּלאַנעטן, זונען־סיס־טעמען.

אַזעלכע מענטשן ווי חוה פאַרזיכערן אונדז אַז עטיק און מאָראַל איז ניט קיין פוסטער טרוים, נאָר אַ פאַקט. אַט אַזעלכע פערזאָנען זיינען דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט. זיי טרעטן פאַר אונדז אויס דעם צוקונפט וועג. צו יעדער צייט, בפרט נאָך אין אַזאַ צייט, ווען מיליאָנען אינדיווידן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציפער אויף אַ קאַרטע אָדער אַ שטיקל בלעך; ווען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז אַזוי מעכאַניזירט געוואָרן אַז ס׳איז שווער צו אונטערשיידן צווישן מענטש און ראָבאָט, ראָ־באָט און מענטש; אין אַ צייט ווען די חיה אין מענטשן האָט געקראָגן די אויבערהאַנט, און דער „בן אדם״ איז געוואָרן אַ „פּרא אדם״ פון אור־וואַלד אַרויס — ספּעציעל, זאָג איך, אין אַזאַ ערא פון רעטראָגראַציע און דעגענעראַציע איז דער טויט פון אַזאַ זעלבסט־שטענדיקן און עטישן אינדיווויד ווי חוה אַ גרויסער שאָדן, אַן אומאָפּשעצבאַ־רער פאַרלוסט. זאָל איר אָנדענק גיין פאַר אונדז און ווייזן אונדז דעם וועג אַרויף צום מענטשן און מענטשלעכקייט.

א קאָשמאַר

(צום אָנדענק פון חוה גאָרדין, ע״ה)

פון

מינא באָרדאָ ריווקין

ווי א זקנה מיט אַ הוילן שאַרבן,
שטעלט זיך די נאַכט לעם אונדזער שוועל.
מיט אַן עכאָ פון שלאַכטפעלד שרייט זי: שטאַרבן!
און אָט פויקט זי אין פענצטער איר טויט־באַפעל.

עס ווילט זיך לאַכן און אַ משוגענער לאַכט —
מיר ליגן געשמידט ווי אין אַייזערנע רייפן.
אַ געיאָמער פון קולות, ווי אַן אָפּהילך פון שלאַכט,
עס פלאַקערט אַ שרפה אין אונדזערע הייפן.

עס דאַכט זיך: מיר ליגן שוין אַלע ווי טויטע —
די בלינדע נאַכט שפרייזט אירע לעצט־לעצטע שריט:
זי שפּאַנט אַריבער די צו קבורה גרייטע —
און די מוטיקסטע נעמט זי מיט!...

חוה׳ן צום אָנדענק

פון

ליבע

חוה איז געשטאָרבן!

דערמיט פאַרקלינגט אַ נאָמען וואָס איז געווען פאַרקניפּט מיט דער גרינדונג און עקזיסטענץ פון דער אידיש עטישער געזעלשאַפט.

פאַר מיר זיינען אָט־די צוויי, חוה און די געזעלשאַפט, געווען איינס.

דאָס הויז פון די גאָרדינס איז געווען מיין צווייטע היים. ווען מיין אייגענע היים איז פאַרוויסט געוואָרן, און אַ טעמפּער וויטאַק האָט גענאָגט מיין האַרץ, בין איך גלייך געלאָפן צו חוה׳ן נאָך אַ וואַרימען טרייסט־וואָרט. איך האָב אָט־דעם וואָרט

פון נחמה שטענדיק געפונען ביי חוה׳ן, ביי מיין אויפריכטיקסטן, נאָענטסטן פריינט.

און איצט? איצט שטיקט מיך מיין עלנט און חוה איז ניטאָ.

חוה טייערע, איך בין דיך מקנא: דו ביסט געשטאָרבן פאַר דער צייט! דאָס מיינט, דו ביסט געשטאָרבן ביי דער אַרבעט, און אַזוי צו שטאַרבן איז דאָס שענסטע און בעסטע וואָס אַ שטערבלעכער קען זיך ווינטשן. די גרעסטע טראַגעדיע פון אַ מענטשן איז, ווען ער לעבט איבער זיך אַליין, און ער ווערט פאַרגעסן ביי זיין לעבן פון אַנדערע און, טאַקע, פון זיך אַליין. ער פילט זיך ווי אַן איבעריקער, ווי אַ פאַר־געסענער פון גאָט און לייט. דו, חוה, ביסט געשטאָרבן און איבערגעלאָזן אַ באַדייטנ־דיקע צאָל פריינט און פאַרערער און, איבער אַלץ, דיין מאַן, חבר און לערער, וועל־כע טרויערן נאָך דיר.

אַ מאָנומענט נאָך דיר, ניט פון הענט געמאכט, ניט פון שטיין געהאַקט, בלייבט די אידיש עטישע געזעלשאַפט, וואָס דו האָסט מיט מי און מסירת־נפש אויפגעבויט; דו האסט געשאַפן די פאָרם, וועלכע דיין חבר האָט אָנגעפילט מיט אינהאלט. קען זיך דען אַ שטערבלעכער מענטש ווינטשן עפּעס שענערס?!

חוה טייערע! אויף דיין פרישן קבר האָב איך דיר צוגעזאָגט פאָרטצוזעצן דיין אַרבעט. איך וויס, דאָס איז געווען דיין הייליקער וואונטש. איך וועל האַלטן וואָרט און דערמיט האַלטן פריש און גרין דיין אָנדענק.

חוה, דו וועסט לעבן אין מיין געדעכעניש אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן און אַזוי לאַנג ווי די אידיש עטישע געזעלשאַפט וועט לעבן.

נעגאַטיוו — פּאָזיטיוו

(געהייליקט חוה׳ן ע״ה)

פון

א. קעמל

אין אַלע פאַלן איז דער טויט אַ נעגאַטיוו, —
אויך ווען ער קומט צו דעם, וואָס איז מיט יאָרן זאַט;
דער בלאָז לעשט אויס אַ ליכטל, וואָס איר שיין איז מאַט,
קוים צאַנקט, שמעלצט אויס די חיות־רעשטלעך טריף נאָך טריף.

אין אַלע פאַלן איז דער טויט אַ נעגאַטיוו, —
נאָר ווען ער קומט אין מיטן שטרעבן היפשלעך פרי,

אין תחילת רײַפֿן זומער נאָכן פּרילינג־בלי,
ווען מענטש, ווי פּרוכט, איז האָפֿנונגפֿול און גרין־נאַאיוו,

דאַן כפּל'ט טויט זײַן נעגאַטיוו אויף נעגאַטיוו,
און פּאָזיטיוו עס ווערט די פֿעלנדיקע צאָל:
אַראָפּגעוואָרפֿן און צעבראָכן ליגט דעם לעבנס עול,
ס'איז אָפּגעלייקנט און באַליגנערט ליגנער־מיף . . .

14־טן יוני 1944

ניין, חוה גאָרדין איז ניט טויט!

פֿון

ש. ברייגער

צדיקים במיתתם נקראו חיים
(ברכות י"ח ע"א)

אין דער נאַכט פֿון ערב דער אזכרה נאָך חוה גארדין האָב איך אַ חלום געזען:

איך גיי, אין חלום, מיט חוה'ן צו דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער אידיש עטישער געזעלשאַפֿט. אירע הענט און אָרעמס זײַנען אָנגעלאָדן, ווי אַלע מאָל, מיט פֿאַרשידענע צובייסנס און נאַשערייען, צו „דערהאַלטן די נשמות" פֿון די חברים פֿון אונדזער גרופּע, נאָכדעם ווי זיי האָבן געשוועבט אין די הויכע עולמות פֿון אבא גארדין'ס גייסטיקע ספֿערן.

— חוה, — פֿרעג איך, — איר ווייסט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג הײַנט איז?

— יאָ — ענטפֿערט זי — געוויס ווייס איך, הײַנט איז דאָך מײַן שמחה, מײַן אזכרה. אײַך וואונדערט מסתמא וואָס איך גיי צו מײַן אייגענער אזכרה!

— ס'איז עפּעס שלא כדרך הטבע — פֿאַרענטפֿער איך מײַן טיפֿן וואונדער.

— ס'מאַכט ניט — באַרוהיקט זי מיך. — כּדי ניט צו צעברעכן די אַנגענומענע טראַדיציע פֿון דער אָפּוועזנקייט פֿון דעם נפֿטר, וועל איך — זאָגט זי — בשעת דער אזכרה אַרויסגיין אין אַן אַנדער צימער . . .

מיר קומען אין זאַל. די געזעלשאַפֿט באַגריסט זי.

און אָט פֿאַנגט זיך אָן די אזכרה. איך גיב איר אַ וואונק. זי גייט אַרויס אויף אַ ווײַל. אָבער תּוך־כּדי־דבור קומט זי צוריק מיט אַ שפּאַסיקער באַמערקונג אויף דעם חשבון פֿון מײַן נאַאיוויטעט . . .

— ער מיינט — זאָגט זי — אַז מיט דעם, וואָס איך וועל שטיין מאחורי הפּרגוד, אויף יענער זײַט מחיצה־וואַנט, וועל איך ווערן אָפּגעשיידט פֿון אײַך . . .

— וואו איך זאָל ניט זיין בין איך מיט אייך ! . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניין, חוה גארדין איז ניט טויט.

חוה איז געשטאָרבן. דאָס וויסן און פילן אירע נאָענטסטע, איר איבערגעגע־בענער און פון וויטיק־געטראָפענער חבר אבא גאָרדין, און די פּאָר געציילטע פריינט וועלכע האָבן געשווידערט ביי איר גסיסה. און עס וועט לאַנג דויערן דער אײַנדרוק, וואָס האָט זיך אײַנגעקריצט אין זיכרון, פון דער ערן־וואָך, פון איר מאַיעסטעטישער אומבאַוועגלעכקייט, יענעם ערב־קבורה אָוונט, ווען זי איז געלעגן אין טשאַפּל פּאַרטיק אַוועקצוגיין אין וועג פון דער אייביקייט.

דער גרויסער עולם מקוננים האָבן ביטער געוויינט, פריער, ביים הספד, און שפּעטער, אויפן בית־עולם ביים אָפענעם קבר. די איבערגעדרייטע לאָפּעטעס האָבן געוואָרפן ערד אויף חוה׳ס ארון . . . די טעמפּע קלאַנגען פון דער פּאַלנדיקער ערד זיי־נען ביסלעכוויס אײַנגעשטילט געוואָרן... דער קבר איז פאַרשאָטן. די קבורת־לייט האָבן אויסגעגלעט דאָס קליין בערגל און צוגעשטעלט איר צוקאָפּנס אַ שילדל:

חוה גארדין. געקומען צו קבורה, דעם 23־טן מאַי 1944.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען. איבערלאָזנדיק חוה׳ן אין איר אייביקן רו־אָרט עד סוף כל הדורות.

יאָ, אונדזער חוה איז געשטארבן, געקומען צו קבורה, אָפּגעשיידט זיך פון אונדזער עולם התוהו, און איז אַוועק אין דעם עולם האמת.

וואָס איז דער עולם־האמת, און וואו קען מען אים געפינען ?

דער עולם האמת איז דער אומענדלעכער מקור פון אייביקן קראַאַטיוון שאַפן פון אמת און יושר, פון אויפריכטיקייט און איבערגעבנקייט, פון ליבע און דערמוטי־קונג. זיין רוים איז די גאַנצע וועלט. זיין וואוינונג איז אָבער אײַנגעפונדעוועט אין די הערצער און נשמות פון די פון אונדזערע מיטמענטשן, וואָס זיינען זוכה געווען גע־קנאָטן און געפורמט צו ווערן אין דעם צלם אלהים . . .

חוה גאָרדין, די צדקת, וועמענס איבערגעבנקייט און אָפּפערווייליקייט מיר האָבן געקענט נאָר צוגלייכן צו דער מסירת־נפש׳דיקער געטריישאַפט פון אונדזער אייגענער מוטער, וועט פאַרבונדן אין דעם צרור־החיים צוזאַמען מיט אונדזערע מו־טערס, פאָטערס, און ליבסטע פריינט, וועלכע לעבן אין אונדזערע הערצער און רופן אונדז צו יענע הויכע ריינע אידעאַלן צו וועלכע זיי האָבן געהייליקט זייערע לעבנס.

מיר וועלן טראָגן אין זיך דעם ליכטיקן זכרון פון חוה גאָרדין כל זמן מיר וועלן לעבן.

פאַר אונדז איז חוה גארדין ניט טויט.

תהי נפשה צרורה בצרור החיים.

אַ דיאַלאָג מיט אַ מת־טהור

(געהייליקט חוה׳ן ע״ה)

פון

ד. י. יאַגעסט

—„טא זיי זשע מוחל און דערקלער מיר וואָס באַטייט געשטאָרבן,
דו דאַרפסט עס וויסן, כ׳לעבן, האָסט דעם טויט אַדורכגעלעבט״.
— „דער נאַרעלע באַקלאָגט דעם טויטן, מיינט ער איז אַ קרבן . . .
דער חכם פון הגדה איז לחלוטין אויסגעוועפּט!

געשטאָרבן? אַה?! דאָס וואַסער עפּנט אויף די שליוזעס־קראַנען . . .
געשטאָרבן, אַה?! די זעל פון תפיסה ט׳זיך אַרויסגעכאַפּט,
שפּאַצירט די אַרעסטאַנטין פראַנק און פריי אויף בלויע לאַנען.
דאָס פייגעלע די פליגלען אָן די גראַטעס מער ניט קלאַפּט״.

— „דער קערפּער, הייסט עס, איז אַ שטייג פון ביין פאַר דער נשמה?״
— „אין לייב־קאַרצער צו „זיצן״ איז אַן עונש פאַר דער זעל.
זי איבלט זיך צומאָל זיך צוצורירן צום גוף טמא״.
— „וואו קומט אַהין אַ ווילע נאָכן טויט גוף׳ס פלייש און פעל?״

—„גוף פאַלט פאַנאַנדער עלעהיי אַ שטיבעלע פון קאָרטן.
דער „נפש״ וויל ניט זיין קיין תפוס אין יחידיש צעל.
ער איז געגליכן צו דעם ים, וואָס האָסט די האַפנס, פאָרטן.
פאַר דר׳זעל דאָס גאַנצע הויז פון גרויס־באַשטאַנד איז בלויז אַ שוועל,

שטיין פלאַטשיקער, וואָס ליגט זיך פאַרן טיר די פיס צו גלעטן.
איר טעמפּל ז׳אויפגעריכט אויף מיטאַלאָגישן פאַרטראַכט.
איר קדשי־קדשים׳ס דיל דער לאָגאָס באַרוועס קען באַטרעטן
און דאָס, על־פּי־קבלה, אין אַ טראַנס נאָך האַלבער נאַכט״.

— „דערקלער, וואָס איז דער מער מיט די וואָס האָבן קורצע יאָרן?
מעגסט אויסזאָגן? זיי מיר מגלה כרת־ימים־סוד״.

— „וואָס כ׳קען, איך מעג, ניטאָ ביי אונדז קיין טאָרן און ניט טאָרן,
אָט־די זיווגים מאָדנע: איסור — היתר, דין און גנאָד.

דו הער זיך איין מיט קאָפּ! אַ זעל אַ ווילנספּולע שטאַרקע
וועט זיך ניט איינלעבן אין שותפות מיטן שוואַכן לייב.
זי נעמט אויף גיך זיין מאָס, מעסט אָפּ פאַר אים פיר איילן קרקע.
די יאָרן ציילט זי לויטן טעמפּא פון איר צייט־פאַרטרייב.

שטופּט צו דעם קץ: וואָס פריער וויל אַרויס פון לייבלעך גלות.
און חוצפה כלפּי שמיא מהני, זי פירט אירעס אויס.
יאָגט צו דעם קלאָאון אויסצושפּילן זיינע חוזק־ראָלעס...
ער האָט עס גערן, וויל זיך אומקערן צו מוטער־שויס״...

אַ טרער

(אויפן פרישן קבר פון חוה גאַרדין ע״ה)

פון

ה. מאגנוס

דער קאַלטער פּאַסיווער טויט פייערט ווידער זיין שטענדיקן נצחון דורך דעם פּריצייטיק פאַרשניטענעם לעבן פון דער באַליבטער חברה, חוה גאַרדין.

איז פאַר מיר געגנוג דער בלויזער פאַקט, וואָס די פאַרשטאָרבענע איז געווען די אשת־חבר פון מיין געאַכטן לערער און חבר, אבא גאַרדין, צו זיין איבערגעפילט מיט באַדויער און טרויער אויף איר טויט און צו שטיין איבער איר פרישן קבר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

פאַר דער קורצער צייט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט חברה, חוה גאַרדין, האָב איך זיך איבערצייגט, דאָס איר פּאָזיציע אַלס אשת־חבר איז ניט געווען קיין צופאַל־זאַך. אָט־די פּאָזיציע אירע איז איר צוגעטיילט געוואָרן ניט פון אַ קאַפּריז פון בלינדן שיקזאַל, נייערט איז געווען אַ פּועל יוצא פון אירע האַנדלונגען. און מיט וואָס פאַר אַ ווירדע און חשוב׳ער עניוות האָט זי דורכגעפירט די אויפגאַבעס, דערפילט די פליכטן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט איר מצב אַלס אשת־חבר.

* *

אַ פרימאָרגן פון איינעם פון די לעצטע טעג אין איינעם פון די לעצטע מאָנאַטן

פון אָט־דעם יאָר. איך טרעף אָן צופעליק פרוי, חוה גאָרדין. איך שטעל זי אָפּ אויף אַ ווײַלע מיט דער געוואוינטלעכער באַגריסונג:

— גוט מאָרגן, מרס. גאָרדין! וואָס מאַכט איר עפּעס?

— אוי — ענטפערט זי מיר — פריינט מאַגנוס, עס איז ניטאָ מער קיין כוחות צו לעבן...

איר ענטפער האָט מיך אַזוי דערשיטערט און איך בין געבליבן ווי אָן לשון. איך האָב זיך אָבער גלייך באַדענקט, אַז עס איז ראַטזאַם אָנצושלאָגן אַ מוטיקערן טאָן אין אונדזער געשפּרעך און איך מאַך אַ פאַרבײַגייענדיקע באַמערקונג וועגן דער פי־לאָזאָפישער שטה פון אבא גאָרדין, ווי איך פאַס זי אויף פון זיינע ווערק און זיינע פאָרטראָגן ביי דער „אידיש עטישער געזעלשאַפט״.

אָן אויפפלאַקער פון אַ פלאַמענדיקער איבערגעבנקייט איז געווען איר רעַ־אַקציע.

— אָה! אבא גאָרדין! — רופט זי אויס — ער איז מיין לערער און וועג־ווייזער. ווי לאַנג איך וועל לעבן וועט פאַר מיר קיין זאַך ניט זיין צו שווער צו טאָן פאַר זיינעטוועגן.

קאַלט־ברוטאַלער שיקזאַל, גרויסציניִשער פאַררעטער, וואָס פאַר אַ העסלעך־שווידערלעכן פירוש דו האָסט געמאַכט אויף אָט־די פאַר האַרציק תמימות׳דיקע ווער־טער אירע!

* * *

בין איך דאָך זיכער אין דיר, חוה, אַז קיינע אַרגאַמענטן וואָלסטו ניט צולאָזן אַז זיי זאָלן באַצירן דיין באַשיידענעם רו־פּלאַץ, און זיי וואָלטן באמת ניט זיין ראוי עס צו טאָן. אָן אויסנאַם וועסטו מיר, אָבער, דערלויבן צו מאַכן פאַר אַ צירונג ניט קיין פיזיש מאַטעריעלער. וואָס איך מיין וועל איך דיר גלייך דערקלערן.

ווען עס איז וואויל־געפעלן געוואָרן דעם גנעדיקן באַשאַפער צו פאַרפלאַנצן אַ קערנדל לעבן אין סאַמע מיטן פון דעם אומענדלעכן גאָרטן פון צרות און יסורים, האָט ער גלייך, אין זיין גרויסן חסד, באַוויליקט דעם שוואַכן אילוסיוון פלאַנץ, וואָס הייסט לעבן, אָן אַזוי־גערופענעם שוצמיטל, אַ שטיקעלע שמירה, על כל צרה שלא תבוא, און דאָס איז די טרער פון דעם אָנגעווייטיקט מענטשלעך האַרץ.

און זאָל אין אָט־דער טרער וואָס פאַלט אַצונד פון מיין אויג אויף דיין בערגל זאַמד זיך אָפּשפּיגלען דיין גאַנצער קומער און שמערץ, וואָס דו האָסט דורכגעשפּירט אויף דיין קורצער לעבנס־שטרעקע צווישן „קומען״ און „אַוועקגיין״...

מעג אויך מיין טרער גלייכצייטיק דיר דינען אַלס געטרייע מיט־באַגלייטערין אויף דיין לאַנגן, איינזאַמען און נעפּלהאַפטן וועג צו דער אייביקייט.

21־טן יון 1944, ניו־יאָרק.

חוה גאָרדין ע"ה

IN MEMORIAM

פון

ש. טענענבוים

אין זיין באַרימטן בוך עסייען ציטירט דער גרויסער חכם פראַנסיס בעקאָן די ווערטער פון לוציען, וועלכער דערציילט פון מעניפּוס, אַז דורכגייענדיק די רייען פון די ליידנדע אין גיהנום, האָט ער ניט געקענט דערקענען די קעניגן פון דער ערד ווי בלויז דורך דעם וואָס זייערע געשרייען האָבן געשטיגן העכער און זייערע טרערן געפלאָסן זודיקער ווי פון די איינפאַכע מענטשן. די אורזאַך דערפון איז זייער פּיינלעך דערמאָנען זיך די גוטע טעג וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט און די גרויסע אוצרות וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אויף דער ערד...

חוה גאָרדין האָט נאָך זיך קיין מאַטעריעלע גיטער ניט איבערגעלאָזן, און אויך טעג פון גאָלד און זון זיינען ביי איר געווען אַ זעלטנהייט.

אין די הימלשע אַלייען, אין קילקייט פון שאָטנדיקע אייביקייטן־אַלטע פּאַל־מען, זיצט זי אַ רואיקע: איר געוויסן איז ריין, וואָס זי קען זיך דערמאָנען פון איר ערדישן לעבן — איז אַרבעט, אידעאַליזם, זעלבסט־אויפאָפּפערונג.

די דאָזיקע טייערע אוצרות נעמט יע מיט דער גייסט־פון־אַ־מענטשן מיט זיך אין יענע הימלישע רעגיאָנען, וואו האָמער און דאַנטע האָבן — אין בעסטן פאַל — געזען בלויז טרויעריקע שאָטנס . . .

איצט זיץ איך מיט אבא גאָרדין אין דער וואוינונג, וועלכע חוה האָט ניט לאַנג צוריק פאַרלאָזט אויף שטענדיק. מיר לייענען בריוו, מיר טוישן זיך מיט דערינערונ־גען, און וואָס זיינען דערינערונגען ? אויסגעפּרעסטע בלומען־בלעטער, וואָס ליגן פאַר־באַהאַלטן צווישן די בלעטער פון דעם גאָלדענעם בוך פון פּאָעזיע. וואָס מיט אַ ווײַלע צוריק איז געווען פולבלוטיקע איבערלעבונג, דערפאַרונג איז איצט בלייכער מעמואַר, שאָטנדיקע אילוסיווע רעמעניסענץ. — און עס גייט פאַר מיר אויף דאָס געשטאַלט פון חוה גאָרדין.

איך געדענק אירע אַרבעטזאַמע הענט, וואָס האָבן פאַר מיר מיט אַזאַ פליים און געשיקטקייט געשמירט רויטע מאַלינעס־איינגעמאַכטס אויף ווייסע פּענעצן ברויט באַדעקט מיט געלן שווייצאַרישן קעז. דאָס אײַנגעמאַכטס איז מיר געררונען איבער די פינגער, יע, זי אַז געווען אַ מכניס־אורח'טע. זי האָט ליב געהאַט אויפצונעמען געסט. זי האָט האַרציק פרייגיביק געשטעלט פאַרן גאַסט אַלץ וואָס איר שפּיז־שרענקל האָט פאַרמאָגט. גאַסטפריינטלעכקייט איז געווען איינע פון אירע כאַראַק־טער־שטריכן.

איך קוק אויף איר פאָטאָגראַפיע גענומען מיט יאָרן צוריק. דאָס בילדל שטעלט פאָר אַ שיינע יונגע פרוי, אין רענוואַרישן זשאַנר, אין אַ ברייטן הוט, מיט אַ פריש, ווייס־הויטיק און האַרמאָניש מאָדעלירט פּנים. טראַכט איך:

ווי שטאַרק זי האָט זיך געענדערט. דאָס האָבן טיפעליידן, שווערע אַרבעט, גע־ענדערט איר פּנים, איר פיגור, איר גאַנץ אויסזען. חוה האָט געהערט צו דעם דור פון העראָאישע, אידעאַליסטישע פרויען. חוה איז געווען מענלעך דרייסט אין איר עקשנות׳דיקן קאַמף פאַר אַ שענערער וועלט און בעסערן מענטשן. זי האָט זיך באַ־צויגן צום לעבן ווי צו אַ פּערמאַנענטן געפעכט און צו דער געזעלשאַפט ווי צו אַ טע־אַטער פון מיליטערישע אָפּעראַציעס.

ווי אַ כוואַליע וואָס פאַרשווינדט אין ים, אַזוי פאַרגייט און ווערט דערטרונקען אַ מענטשלעך לעבן אין זיין שטאָם. דער איינצלנער וואָס האָט ערשט געפלאַמט מיט אַמביציעס, געפלאַקערט מיט פאַרלאַנגען, געפיבערט מיט וואונטשן, זיך געצונדן מיט האָפענונגען — הערט אויף צו זיין, ווערט אָפּגעקילט, פאַרגליווערט, ברעכט זיך אָפּ און פאַלט אַרויס ווי אַ בריליאַנט פון אַ דיאַדעמע אַרויס...

אבא גאָרדין איינגעקאַרטשעט אין שמערץ זאָגט:

„דער מענטש שאַפט אַ גאָט־אויטאָריטעט כדי אים צוצוטיילן דעם כבוד און ראָלע פון זיין אַן אוניווערסאַלער תליון, אַ מערדער וואָס טויט אַלץ וואָס עס לעבט . . .

„מיר קריגן דאָס לעבן ווען מיר ווייסן ניט אַז מיר קריגן עפּעס. מיר קענען זיך ניט פרייען מיט אָט־דער מתנה, ווען מיר זיינען אין מוטער־טראַכט. אָבער אונדזער שיידן זיך מיטן לעבן, דער אַוועקגאַנג און געזעגענען זיך, דאָס איז אַזוי טראַגיש, פאַר־בונדן מיט אומגעהויערע ליידן. מיר זעען מיט אונדזערע אויגן ווי דער טויט גריזשעט אונדז און מיר פילן די טויט־אַנגסטן מיט אַלע אונדזערע חושים.

„און אָט־דער פּיין איז אייגנטלעך אַ פאָרם פון אַ רעוואָלט . . . דער מענטש רע־וואָלטירט קעגן טויט. דער מענטש רעוואָלטירט און דער מענטש וועט אַרויסקומען דער זיגער פון אָט־דעם געפעכט מיטן מלאך המות. אין דער צוקונפט וועט דער טויט שטאַרבן און דער לעבעדיקער מענטש וועט לעבן אייביק״.

אָבער דערווייל געפינט זיך דער מענטש אין רשות פון דעם שרעקלעכן מאנס־טער, דעם מלאך המות, און נאָך ערגער, ער ווערט זיין דינער, ער העלפט אים אַרויס אין זיין גרוילעכער אַרבעט פון מאָרדעווען. פּראַצעסיעס אומענדלעכע ציען זיך אי־בער די פּורפּורנע, בלוט־אָנגעטרונקענע שליאַדן, מיליאָנען שטאַנס פון טויטע מענטשנס דורך מענטשן געטויטע. אהה ! דער מענטש איז משוגע . . .

אָבער דאָ, אין אָט־דער וואוינונג, אין דעם געפלעכט פון די־דאָזיקע נאַקטור־נע שאָטנס, וואוינט נאָך אַלץ חוה גאָרדין . . . אָט וועט זי אַריינקומען, שטעלן גאָלדע־נעם טיי אויפן טיש, און אירע הענט וועלן נעמען אויף גיך שמירן מאַלינעס־איינגע־

מאַכטס אויף ווייסע פענעצן ברויט באַדעקטע מיט געלן שווייצאַרישן קעז. דאָס שבת׳־דיקע טישטוך איז באַשפּרינקלט מיט גאָלדענע קרושקעס. אַט וועט זי אַריינקומען און מיט אונדז, ווי געוויינטלעך, פאַרברענגען . . .

אָדער, וואַרט אויס אַ ווײַלע, און מיר וועלן קומען צו זען . . .

ניו־יאָרק, יון 5־טן 1944

א חלום צווישן חלומות

(געווידמעט חוה׳ן ז״ל)

פון

נ. ל. סווירער

כ׳האָב דיך דערזען, אַ לעבעדיקע שטייסט פאַר מיינע אויגן.
ניט בלויז געזען, — געהערט, דו רעדסט צו מיר דיבורים קלאָרע.
איך ווער פאַרציטערט: היתכן? פרעג שפּאַנט שטיף זיין בויגן:
„ווי קען עס זיין? אין דיין געדעכעניש גיב זיך אַ פאָרע . . .״

„מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך געגאַנגען צו דיין לוויה,
אין פרישן קבר מיט דער לאָפּעטע די ערד געשאָטן.
פון דיין אַוועקגאַנג־אָן־צוריקקער דאַרף מען דען מער ראיה,
ווי ארון, בערגל זאַמד און קדיש זאָגער׳ס טונקל שאָטן!

—„עס האָט זיך דיר בלויז אויסגעדוכט, געווען אַ וויסטער חלום.
געשטאָרבן?! זעסט דאָך מיך אַ לעבעדיקע אין דיין צימער״.
איך פרעג: „ווי קען איך מאַכן צווישן טויט און לעבן שלום?
די טיפע גרוב, די רויע ערד איז דאָך קיין אָפּדוכט־שימער״ . . .

—„עס האָט זיך דיר בלויז אויסגעדוכט, געוועזן אַ וויסטער חלום!
כ׳בין ניט געשטאָרבן, זיכער ניט באַגראָבן דאָרט אין קבר.
דער אָפּנאַר נאַרט דעם נאַר, זיין חוב מאָנט אויף. זיי קלוג, ניט צאָל אים!
איך בין ניט טויט, עס לעבט אין מיר אַיעדער גליד און אבר״.

איר שטייפער טאָן און טראָפּ בלויז אויף אַ ווייל האָט מיך באַצוואונגען.
גלייך ווידער פרעג איך: „אפשר זע איך איצטער פוסטן חלום ?
אַז כ׳האָב צו טאָן מיט עכטן וואָר פונוואַנענט איז געדרונגען ?"
—„וואָס פרעגסטו פראַגעס ? זעסט מיין בילד, מיט לעבנס פאַרבן מאָל אים !"

פאַרוואָר, צווישן צוויי, פון לעבן און פון טויט, חלומות
אין מיטן שטיי איך אַ פאַר׳חלום׳טער, אַ טרוים אַ דריטער.
וואָס ווייס איך, צי זיך שטרעקן פלאַכן, צי זיך טיפן תהומות,
ווען סיי פון וועלן, סיי פון מוזן בין איך אַ געשמידטער . . .

וועגן חוה׳ן

פון

דר. ריי הוטערער־נאַטאַריוס

זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון גייסט־שטאַרקייט און אויסדויער, אַ מענטש, פאַר וועמען קיין מי איז ניט געווען צו שווער. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אידעאַלן צוועק, האָט זי געקעמפט קעגן יעדן ווידערשטאַנד מיט אַלע אירע כוחות.

זי איז געשטאָרבן ווי זי האָט געלעבט, אַ גאַנצער מענטש. זי האָט אַלע מאָל געטראַכט וועגן געבן, קיינמאָל ניט וועגן נעמען. זי איז געווען אַן אמת׳ער חבר און פריינט, געטריי ביז צו זעלבסט־אויפאָפּפערונג.

ביי חוה׳ן זיינען פרינציפּן ניט געווען בלויז שיינע פראַזן, פוסטע קלינגנדיקע ווערטער. אַ פרינציפּ ביי חוה׳ן האָט געמיינט דאָס שטרעבן צו פאַרגייסטיקן דעם לעבן און דאָס איינשטעלן אין דער געזעלשאַפט עכטע מענטשלעכע באַציאונגען. זי האָט געפילט אַז איר לעבן האָט אַ ווערט און אַ זין בלויז דאַן, ווען זי שטעלט זיך אַ באַשטימטן אידעאַלן ציל, און פלייסט זיך מיט אַלע קרעפטן אים צו דערגרייכן.

זי איז געווען פול מיט אָרגאַניזירנדיקער ענערגיע, און יעדער אין איר קעגנוואַרט האָט געמוזט פילן די שטאַרקייט פון איר פערזענלעכקייט.

עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס פינקלען ווי פאַלשע דימענטן. ווען זיי ווערן צעבראָכן, דערזעט מען אַז זיי זיינען געווען פּראָסטע פוסטע שטיקלעך גלאָז, נאָר אַביסל צוגעשליפן. פאַראַן, אָבער, טייערע דימענטן וואָס זיינען ניט געשליפן, זיי

זיינען עכט און פון גאַר גרויסן ווערט. חוה איז געווען אַ ניט־געשליפענער דימענט.

דער פאַרלוסט איז גרויס און טיף איז דער טרויער, דאָך בין איך זיכער, אַז ווען חוה וואָלט געקענט צו אונדז ריידן וואָלט זי געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

„אויב איר ווילט האַלטן טייער און ריין מיין אָנדענק, זאָלט איר ניט טרויערן נאָך מיר, נאָר גייט אָן מיט אייער הייליקער אַרבעט און איך גיב אייך מיט מיין גייסט; איך וועל שטענדיק זיין מיט אייך אין אייער אַרבעט.

מיט ברכה אין האַרצן פאַר די מענטשנקינדער ביסטו, חוה, געשטאָרבן, מיט אַ ברכה וועט לעבן ביי אונדז דיין אָנדענק אויף שטענדיק.

יון 1944 ניו־יאָרק.

חוה גאָרדין

פון

בצלאל פאַרגמאַן

עס איז נישט אויסגעפאַלן אויף מיין גורל, איך האָב נישט געהאַט די זכיה, צו זיין אין איר חבר׳שאַפט, ווי אַנדערע, פאַר לענגערע יאָרן. אָבער פאַר מיר איז געווען גענוג די קורצע צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט בכדי תופס צו זיין איר מהות, אָפּ־שאַצן יענע איינציקע, צווישן אַ סך אַנדערע גוטע אייגנשאַפטן, מידה אירע און דער־זען אין דער פולער פראַכט איר לויטערע פערזענלעכקייט.

ערלעכע באַשיידנקייט, אַט די מעלה האָט חוה׳ן באַחנ׳ט און באַקרוינט. מיט דער דאָזיקער טייערער מתנה, וועלכע איז אַ צירונג פאַר יעדן וואָס באַזיצט זי, מיט אַט־דעם גאָטעס־געשאַנק איז חוה באַשאָנקען געווען.

אין וואָרט און אין טאַט איז חוה געווען אַ פאַרקערפּערונג פון עניוות און פשטות. אָן פּניות, אָן פּרעטענזיעס, אָן אויספיינערייַ, אָן טומל האָט זי געטאָן איר אַר־בעט, דערפילט אירע פליכטן, דורכגעפירט די אויפגאַבן, וואָס זי האָט אויף זיך גע־נומען.

איר העכסטער אידעאַל איז געווען אַז די מענטשהייט זאָל דערגרייכן די שטו־פע פון אנוכי יהוה לויט אבא גאָרדינ׳ס שיטה. צו אַט־דעם שטרעבונגס־פונקט האָט זי געווענדט אירע גייסטיקע אויגן. צו די הויכע אידעאַלן פון אידישער עטיק האָט זי געווידמעט איר לעבן, יעדע שעה פון איר וואַכזאַם־מיזאַם טאָג. אין אבא גאָרדינס פּוסטריט איז זי געגאַנגען, כאָטש מיט פּיין פון פיזישעליידן, דאָך מוטיק און בראַוו:

ביז איר לעצטן אָטעמצוג איז זי אָנגעפילט געווען מיט אָט־דער הייליקייט: תורת משה, אידישע עטיק.

אַלע יסורים און עינויים אין איר אָרימען, דחקות׳דיקן לעבן, ווי שווער זיי זיינען איר ניט געפאַלן, האָט זי העלדיש איבערגעטראָגן. דער אידעאַל פון אידיש־עטישן רענעסאַנס האָט לייכט געמאַכט איר שווערסטן יאָך און זיס געמאַכש איר ביטערן פראַצע־לעבן.

איז דאָך עס דאָס העכסטע וואָס אַ מענטש קען דערגרייכן. לאוו כל אדם זוכה לכך.

בויג איך מיין קאָפּ מיט יראת הכבוד פאַר דעם הייליקן אָנדענק פון חוה גאַרדין.

14־טן יוני, 1944, בראָנקס, ניו־יאָרק

תנו רבנן

(געהייליקט דעם אָנדענק פון חוה גארדין)

פון

בצלאל פאַרגמאַן

זיצט אַ בחור׳ל נאָך יונג און קליין,
שפעט נאָך האַלבער נאַכט אין קלויז אַליין;
מיט גרויס התמדה, גאַר אָן מורא,
פאַרטיפט, פאַר׳מוח׳ט אין דער תורה.

ס׳פּלאָנטערן זיך אים געדאַנקען אין זיין קאָפּ,
וועלכע פירן שיער פון דרך ניט אַראָפּ:
סיפורי־נוראות פון רוחות, נישט־גוטע;
אַליין האָט דערצעלט זיי דער רבי שליט״א.

פלעגט זיך אָנהערן אין שטיבל בין השמשות
פון די קאָצקער, גערער חסידים, די בטלנים,
מעשות ווילד פאַנטאַסטישע, משלים, דרשות,
גרויל־לעגענדעס פון די טערקן און יוונים...

אָבער, אַז מען לערנט תורה
פאַלט אַוועק די מרה שחורה;
איז דאָך דאָס דער בעסטער צייכן
אַז קיין בייז וועט אים דערגרייכן.

זיצט דער יינגל שפעט ביי נאַכט
שטאַרק פאַרקלערט, און טיף פאַרטראַכט.

טריפט און צאַנקט אַ יאָרצייט־ליכט,
שיינט, באַלייכט זיין צאַרט געזיכט;
און די שאָטנס אויף דער וואַנט
שאָקלען זיך מיט אים באַנאַנד . . .

רופט זיין שטימע אין דער נאַכט,
האָבן אמוראים אויפגעוואַכט ! . . . — — — —
תנו רבנן ! — — —

די רבנן מיט געבעט
רופט ער, וועקט ער בעת ער לערנט;
כאָטש אין אָוונט אַזוי שפעט,
קיינעם ניט דערצערנט.

און זיי קומען אַלע דאָ אין קלויז צוגיין,
אייניקע ביחידות, אַנדערע אין צווייען;
קומט אַביי, קומט אַן רבא, קומט רבי חנינה,
די בית הלל מיט אַ פריילעך־שמייכלענדיקער מינע.

ווי די אורחים חשובים ביי דעם טיש געגרייטן,
זיי צעזעצן זיך באַשיידן אויף דער באַנק;
אַט דער יינגל הייבט אָן און זיי אים באַגלייטן,
הילכט אין קלויז אַ הייליקער געזאַנג !

עס טרעפט אַמאָל
אַ שווערע, האַרבע קשיא:

אָ, ווי מיר ! תוספות
זאָגט אַנדערש דאָך ווי רש״י ! . . .

שטייט ער ווי פאַראַנקערט,
נישט צו רירן זיך פון אָרט,
ביז משיח וועט ניט קומען
מיט׳ן אמת׳דיקן וואָרט.

דערווייל איז תיק״ו :
ס׳קומט קיין באַשייד נישט ;
בלייבט אַלץ די קשיא,
און ווייטער ? — ס׳גייט נישט.

ער זוכט אין מהר״ם־שיף,
און וואָס זאָגט דער מהרש״א ? . . .
געגרונטעוועט גאָר טיף —
דער ענטפער איז שוין דאָ !

עס ווערט אַ גדולה,
אַ פרייד אין לשער !
עס גאַפן בית הלל :
— אַ קעפל ? ! — אַ פייער . . .

צעפינקלען זיך שטערן
אין פינצטערער נאַכט ;
דער תוספת מיט רש״י
האָט שלום געמאַכט . . .

עס טאָגט שוין אין דרויסן ;
געקרייט האָט דער האָן :
„קריעת שמע של שחרית
שוין צייט !" — זאָגט ער אָן.

מיט נייעם עקסטאַז,
און ווידער אַמאָל

צעזינגט זיך דער בחור׳ל
גאָר הויך אויפן קול:
„תנו רבנן״ . . .

אַ יענע פאַרטאָגן
וואו זיינען פאַראַנען?
ווען מאַמעביים פענצטער
פון קלויז איז געשטאַנען;
אין הייליקן ציטער,
מיט געטליכער מורא: —
ווי גרויס איז איר שמחה!
דאָס קינד לערנט תורה!

זי שטייט אַ פאַרגאַפטע:
„— איז אמת? . . . איז וואָר? — — —
איך הער דאָך תנאים
דאָ זינגען אין כאָר!״ . . .

געצאַפּלט פון פרייד האָט
דאָס האַרץ אירס, דאָס ריינע:
„— וועסט קריגן אַ כלה,
אַ רייכע, אַ שיינע!״ . . .

אַ טרער איז געפאַלן
פון טריפנדע אויגן;
אָט שטייט זי גאָטספאַרכטיק
דעם קאָפּ טיף געבויגן.

שטיל האָבן געשעפטשעט
די ליפּן מיט קדושה:
„געבענטשט זיי, דו טראָגסט דאָך
דיין זיידנס ירושה!״

אַ יענע פאַרטאָגן
וואו זיינען פאַראַנען?

וועו מאַמע ביים פענצטער
פון קלויז איז געשטאַנען ;
זי הערט דאָס געזאַנג,
וואָס רייסט זיך ווייט, הויך,
אַרויף ביז צום הימל,
דורך קינדערשן מוח : — — —
— — תנו רבנן !!! . . .

חוה׳ן אין אָנדענק

פון

נחום סומער

חוה און טויט — ס׳האַרמאָנירט עפּעס ניט. און דאָך — דאָך, איז עס אַ טראַגי־שע ווירקלעכקייט. האָט זי דאָך געהאַט אַזאַ שטאַרק־געזונטן פאַרלאַנג צום לעבן. האָט זי געהאַט אַזויפיל פּלענער פאַר דעם וואוקס און אויסשפּרייטונג פון דער אידיש עטי־שער געזעלשאַפט. האָט זי דאָך געטענה׳ט אַז איצט, אין צייט פון מלחמה, אין דער צייט ווען אונדזערע עטישע אמת׳ן ווערן געטראַמפּלט פון אַלערליי רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע שלעק, איז די פּאַסענדיקע צייט צו קומען צוםברייטן עולם מיט די אידעאַלן פון עטישער אחריות, מיט א מאָראַלישן קאָדעקס . . .

חוה איז געווען אַן אייגענאַרטיקע פרוי, א מוסטער פון מענטשלעכקייט און חברישער באַציאונג. זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן, ערליכן, עטישן באַ־וואוסטזיין.

איר פאַרלוסט וועט זיך לאָזן פילן אין דער עטישער געזעלשאַפט — ווייל, זי האָט דאָך ממש געטראָגן די געזעלשאַפט אויף אירע פּלייצעס. זי איז די געזעלשאַפט געווען איבערגעבן, ווי אַ מוטער צו איר קינד.

ערע איר אָנדענק !

22־טן יוני 1944

חוה, מיר וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

פון

מלכה טשאָבאָל

איך האָב זיך באַקענט מיט חוה׳ן ווען איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „אידיש עטישער געזעלשאַפט" מיט זיבן יאָר צוריק. די געזעלשאַפט איז מיר ליב און טייער געוואָרן פון ערשטן טאָג פון מיין אַריינטריט.

חוה האָט מיך יעדעס מאָל פריינטלעך אויפגענומען. צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צו מיר איז זי געווען באַזונדערס פריינטלעך (דאָס האָט זיך געדאַכט, מסתמא, יעדן איינעם פון אונדז), ווייל זי האָט געוואוסט ווי הייך עס שטייט ביי מיר די געזעלשאַפט.

חוה האָט איר אַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט געהאַלטן פאַר הייליק. פון די פאָסט־קאַרטלעך וואָס זי פלעגט אַרויסשיקן צו די מיטגלידער האָט געוויעט עפּעס ווי אַ וואַרימער ווינטל פון אינטימער פריינטשאַפט. ווען עס האָט געטראָפן אַז צוליב געוויסע, פון מיר ניט אָפּהענגיקע, אומשטענדן האָב איך ניט געקענט זיין צו אַ מי־טינג פון דער „אידיש עטישער געזעלשאַפט", האָט חוה זיך גלייך נאָכגעפרעגט וואָס איך מאַך. זי איז געווען אַ וואַרימער איבערגעבענער פריינט צו אונדז אַלעמען.

די לעצטע צייטן כאָטש זי איז שוין געווען שווער קראַנק, האָט זי זיך דאָך זעלטן באַקלאָגט, איר אַרבעט פאַר אונדזער געזעלשאַפט איז ביי איר געווען פיל וויכטיקער ווי איר אייגענער געזונט־צושטאַנד.

ערע איר אנדענק!

חוה, מיר וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

25־טן יוני, 1944

אַ פריינט באַגעגנט

(חוה גאָרדין — אַ דערמאָנונג)

פון

אַננאַ זאַרעצקי

ס׳איז דאָ אַזויפיל פרייד
אין באַגעגענען אין וועג
אַ פריינט, וואָס גלעט מיט רייד
און דערמאָנט אין פרומע טעג.

האָב איך אַ פריינט באַגעגנט
אויף דער אידיש עוועניו,
ווען ד׳ זון האָט זיך געזעגנט
און געשפרייט פאַרנאַכטיק רו.

זי האָט דערציילט מיר פון אַ רבי׳ן,
וואָס זיין לערע שיינט מיט יושר ליכט, —
אַנטפלעקונגען דורך טויזנטער געוועבן,
ס׳לויכט אויף כביכול׳ס העל געזיכט.

איר בליק — אַ תפילה׳דיקעס בענקען,
און איר גלויבן — ליכטיקער געזאַנג. —
אָט אַזוי וועל איך דיך, חוה־לעב, געדענקען
מיט דיין חסידיש־שטייפן טראָט און גאַנג.

ס׳איז דאָ אַזויפיל טרויער
אין פאַרנאַכט, וואָס גוסס׳ט בלוי,
ווען גאָט מאַכט צו דעם טויער
און הילט איין אַ טאָג אין גרוי . . .

חוה׳ן אין אָנדענק

פון

יעטע סאַיעטאַ

איך האָב זיך באַקאַנט מיט חוה׳ן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פּרוּיען־פּיאָ־נערן מיט עטלעכע יאָר צוריק. איר אָריינטריט איז געווען באַלאָדן מיט ערנסט. מ׳האט גלייך געקענט זען איר איבערגעבנקייט. חוה האָט קיין זאַך ניט געטאָן סתם אַזוי זיך, פון יוצא־וועגן. עס האָט געמוזט זיין מיטן גאַנצן האַרצן, מיט פולן ווילן, מיט מסירת־נפש. חוה האָט ניט געוואוסט פון זיין אַ מיטגליד אויף צופליסן, מהיכי־תיתי. טראָץ איר שווערן טאָג אַרבעט אין שאַפּ, איר אַהיים־קומען אַ מידע, אַן אויסגעהאָרע־וועטע, און איר באַזאָרגן די הויז־ווירטשאַפט, און צוזען איר קראַנקן ליבן לעבנס־חבר, האָט זי זעלטן ווען דורכגעלאָזן אַ זיצונג. און אויף די זיצונגען האָט זי געפּאָדערט פון זיך און פון אַנדערע גרעסערע באַמיאונגען, מער ענערגישע אָנשטרענגונגען. ווען עס איז געקומען צום ביישטייערן איז זי תמיד געווען איינע פון די ערשטע. זי איז אַלע מאָל געווען אומצופרידן מיט דאָס אויפגעטאָנענע, מיט דאָס דערגרייכטע. און אָט־דער שטריך איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר חוה׳ן דעם מענטש, וואָס האָט שטענדיק גע־שטרעבט צו עפּעס העכערס און בעסערס.

נאָך בעסער און גרינטלעכער האָב איך חוה׳ן דערקענט, ווען מיר האָבן גע־וואוינט צוזאַמען. דער אַלטער שפּרוך־וואָרט איז נאָך אַלץ ניי און ריכטיק. „ווען קען מען דערקענען אַ מענטשן? ווען מע וואוינט מיט אים״. נאָך אונדזער דריי חדשים וואוינען צוזאַמען האָב איך חוה׳ן דערקענט גאָר פון נאָענטן. און מיר האָבן זיך דער־פילט, ווי מיר וואָלטן געווען באַפריינדעט פאַר אַ סך יאָרן. און ביי דער געלעגנהייט האָב איך געהאַט די זכיה צו ווערן חוה׳ס נאָענטע פריינדין מיט וועמען זי האָט זיך געטיילט מיט אירע געדאַנקען און וועמען זי האָט אַנפאַרטרויט אויך אירע געפילן.

דאָס וויכטיקסטע איז ביי איר געווען דאָס וואָס זי איז געווען די לעבנס־מיטגייע־רין פון אבא גאָרדין. זי האָט זיך געפילט גליקלעך וואָס זי האָט געהאַט דעם זכות צו האָבן אַזאַ חבר און לערער. די יאָרן פון איר צוזאַמענלעבן מיט אבא גאָרדין האָט זי פאַררעכנט פאַר איר לעבן די פאַרדעמדיקע האָט זי געהאַלטן פאַר בלויזער עקזיס־טענץ.

ערע איר אנדענק!

יוני 1944.

געזאַנג פון צער

פון
י. ה. ראַדאָשיצקי

וויי

ווי אַ טרויער־מאנטל
ליגט דער אָוונט פאַר מיין שוועל.
ווי אַ טרויער - קרעפּ
ליגט די נאַכט
איבער מיין הויז
און צער'ט
אויף מיין גורל.

גאָט!

לאָז מיך אויסאָטעמען
מיין צער־געזאַנג צו דער וועלט,
ווי די האַרבסט־רויז איר דופט
אונטערן ערשטן שניי, פאַרן שטאַרבן.

גאָט!

לאָז מיך אויסאטעמען מיין לעצטעס געזאַנג
צו דיינע ליכטיקע האָריזאָנטן,
איידער די נאַכט זינקט איבער מיין געביין אַראָפּ
און דעקט מיך צו מיט אַ בערגל פרישן זאַמד.

אין אָנדענק צו מיין פריצייטיק פאַרשטאָרבענער חוה׳ן

פון

אסתר קליין

צוריק מיט 9 יאָר האָב איך באַגעגנט חוה׳ן. מיין מאַן, דר. הערי קליין, ע״ה, האָט מיט מיר אָלעמאָל גערעדט וועגן דער אידיש עטישער געזעלשאַפט און ער האָט מיט גרויס לויב זיך אָפּגערופן וועגן חוה׳ן: ווי איבערגעגעבן זי איז, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער מענטש זי איז, ווי זי איז זיך פּשוט מוסר נפש פאַר דער געזעלשאַפט. מיין מאַן האָט זייער געוואָלט אַז איך זאָל זיך באַקאַנען מיט חוה׳ן. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אויסער ניו־יאָרק; איך בין באמת געווען זייער נייגעריג צו באַגעגענען די פרוי, וואָס מיין מאַן האָט געגלויבט ביזן הימל.

דער ערשטער איינדרוק פון מיין באַגעגעניש מיט חוה׳ן, הלמאי זאָל איך לייקענען, איז ניט געווען אַזאַ גינציקער. שטעלט זיך פאַר, אַ קליין שטעטלדיק ווייבל באַגעגענט אַ מענטש וואָס זי וויל אַזוי שטאַרק זען; איך קום אַרויף צו איר אין וואוינונג, פרעג זי עפּעס, זי גיט אויף מיר אַ מאָדנעם קוק, אַ ברום, — און אַנטלויפט . . . איך טראַכט ביי זיך: אָט דאָס איז עס דער מענטש, וואָס מיין מאַן האָט וועגן איר גערעדט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג ? ! ס׳איז מיר דעמאָלט גאָרניט איינגעפאַלן, אַז איך וועל זיך צו איר אַזוי צוקניפּן, אַז איך וועל זי אַזוי ליב קריגן!

מיין צווייטע באַגעגעניש איז שוין גאָר געווען אַן אַנדערע; עס איז גאָר געווען אַן אַנדער חוה. איך בין געקומען צו אבא גאָרדינ׳ס אַ לעקציע; איך בין דעמאָלט אַרויס פון שפּיטאָל נאָך אַ קראַנקייט. אַריינקומענדיק מיט אַ פאַרבונדענער האַנט איז חוה צו מיר צוגעלאָפן, האָט מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן וואָס עס איז מיט מיר, געפרעגט מיך צי איך וויל עפּעס עסן, מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל זיך אָוועקלייגן, אַז איך קען ביי איר איבערנעכטיקן. זי האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אַזאַ האַרציקייט, אַזאַ טיפע מענטשלעכקייט, אַז איך בין פּשוט געוואָרן גערירט. איך האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר אַ מענטשן ניט משפּט׳ן נאָך דעם ערשטן איינדרוק פון דער ערשטער באַגעגעניש.

איך פלעג אָפט קומען צו אבאַ׳ן און חוה׳ן. עפּעס איז זי מיר געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז איך האָב דערפילט אַז דאָס איז דער פריינט וואָס איך האָב דאָס גאַנצע לעבן אַרומגעזוכט. און ווען איך האָב זיך אַריבערגעצויגן קיין ניו־יאָרק און מיר האָבן געוואוינט אַ טיר לעבן אַ טיר, האָב איך איצט דערזען וואָס פאַר אַ טייערער מענטש דאָס

איז. אַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַ שווער לעבן, האָט זיך וויייניג אָפּגעגעבן מיט זיך אַליין, אַלעמאָל איז נאָר געווען די פראַגע: וואָס טוט מען פאַר דעם אָדער פאַר יענעם? ווי אַזוי מאַכט מען אַז די „אידיש עטישע געזעלשאַפט" זאָל געדייען? זעלטן גערעדט וועגן זיך, און אויב שוין יאָ, איז אַלץ אין שייכות מיט עפּעס אַן ענין אָדער אַן אינ־סטיטוציע.

איך בין צו חוה'ן אַזוי צוגעבונדן געוואָרן, ווי מען ווערט צוגעבונדן צו אייגן בלוט און פלייש.

איך דערמאָן מיר איר טעטיקייט אין די פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע; איר איבערגעבנקייט האָט ניט געהאַט קיין שיעור. איך בין געווען אַ מיטגליד פריער פון איר, זי פלעגט מיך אָבער אַלעמאָל שטראָפן הלמאי איך טו ניט גענוג. איך וועל קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן, ווי קראַנקערהייט האָט זי געבראַכט אַ פּעקל מיט זאַכן פאַרן באַ־זאַר. אַ צווייט פּעקל האָט זי שוין צוגעשיקט מיט אַ חברה, ווייל אַליין האָט זי עס שוין ניט געקענט ברייגנען. זי האָט אָרגאַניזירט אַ לייען קרייז וואו זי איז געווען די פאַר־זיצערין. די ערשטע זאַך וואָס זי האָט פאָרגעשלאָגן צו לייענען איז געווען דער תנ"ך אין יהואש'עס איבערזעצונג און זי פלעגט טאַקע אַליין פאָרלייענען.

דאָס לעצטע יאָר פלעגט זי זיך שוין באַקלאָגן אַז זי איז קראַנק. איך פלעג אַלעמאָל עס איבערעדן מיט מיינע פריינט, אַז חוה מוז זיין ערנסט קראַנק. איך האָב זי גענומען צו אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז זי מוז אַריין אין שפּי־טאָל, נאָר חוה האָט זיך וויייניג צוגעהערט צום דאָקטאָר און צו מיר; זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: וואו וועל איך איבערלאָזן אבא'ן? צום ענד איז זי שוין אָבער אַזוי קראַנק געוואָרן אַז זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און זי איז אַריין אין שפּיטאָל און שוין מער ניט צוריקגעקומען.

ווען איך האָב זי באַזוכט אין שפּיטאָל האָב איך זי קוים דערקענט, עס איז נישט געווען דער זעלבער מענטש. איך האָב זיך קוים קאָנטראָלירט איך זאָל נישט צוזאַ־מענברעכן. איך האָב געטראַכט: הלואי, הלואי, זאָל גוט זיין . . .

אירע לעצטע טעג.

עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט זיין לעבן חוה'ן, איך האָב זיך דערפאַר אָנגע־שלאָסן אַלס „נוירס" (קראַנקען־שוועסטער) אין בית־משה האָספּיטאַל, וואו חוה איז געלעגן. איך בין גליקליך וואָס איך האָב כאָטש עפּעס געקענט טאָן פאַר איר, ווי צו־פרידן זי איז געווען ווען איך האָב פאַרקעמט איר די האָר. איך האָב זי געגלעט, גע־טרייסט און איר געגעבן האָפנונג. זי פלעגט קוקן אויף מיר און מיט אַ שוואַכער שטי־מע מיך בעטן, אַז איך זאָל זיך אָפּהיטן. „זעסט אסתר — פלעגט זי זאָגן — וואָס עס ווערט פון אַ מענטש!" דעם לעצטן פרימאָרגן ווען איך בין געקומען מיט אַ פריינט

מיכאל נייבערג, וואָס האָט געגעבן בלוט פאַר איר האָט זי שוין כמעט קיינעם נישט דערקענט. ווען איך האָב איר גענומען רופן: חוה, חוה! — האָט זי זייער שוואַך אַרויס־גערעדט: „אסתר" און אָנגענומען מיינע בײדע הענט און זיי צוגעדריקט צו זיך און נאָכאַמאָל געזאָגט: „אסתר, אסתר!" און מער האָט זי שוין נישט געקענט רעדן. אין צוויי שעה אַרום איז זי אויסגעגאַנגען . . .

אַ טייערער און ליכטיקער מענטש איז אַוועק פון דער וועלט, אַ מענטש וואָס האָט ניט געלעבט פאַר זיך נאָר פאַר יענעם. די פּיאָנערן פרויען האָבן פאַרלאָרן אַ וויכ־טיקע טוערין; די „אידיש עטישע געזעלשאַפט" אַ האַרץ פול מיט אויסערגעוויינטלע־כער איבערגעבנקייט. איך האָב פאַרלאָרן אַ מאַמע, אַ חברה, און אַזאַ נשמה׳דיקן פריינט, וואָס מען קען נאָר טרעפן איין מאָל אין לעבן.

מיין ליבע האַרציקע חוה, פאַרוואָס ביזטו אַזוי פרי געשטאָרבן? דו האָסט דאָך אַזוי געוואָלט דערלעבן היטלער׳ס מפלה, דו האָסט דאָך אַזוי געוואָלט זען אַ שע־נערע וועלט, דו האָסט דאָך געוואָלט זען דיין פאָלק אויסגעלייזט, טייערע חוה, אַלע וואָס האָבן דיך געקענט וועלן טייער האַלטן דיין אנדענק. און אין מיין זיכרון וועסטו לעבן אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן און אָטעמען . . .

24־טן יון 1944

חוה גאָרדין ע״ה

פון

סימאַ גלאַזמאַן

יעדעס פאָלק האָט צווישן זיך פרויען וואָס זיינען ווי קאַנוואלעס * אין די גרויסע וועלדער. זיי באַרייכערן די וועלדער מיט אַ פּראַכטפולען געשמאַק, אָבער זיי זיינען אַזוי באַשיידן אַז זיי אַליין באַמערקט מען נישט.

צו אָט די טיפן פרויען האָט אויך געהערט חוה.

עס איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען מיט חוהן אַ שטיקל צייט אין איין הויז און איך וואָלט געקענט פיל דערציילן וועגן דעם פּראַכטפולן טיפּ פרוי.

איך וועל אָבער בלויז איבערגעבן צוויי עפּיזאָדן וואָס וועלן אפשר כאַראַקטע־ריזירן חוה גאָרדין.

זי פלעגט אַרבעטן יעדן טאָג אין שאָפּ און געוויינטלעך אַהיימקומען פון דער אַרבעט זעקס אַזייגער. איינמאָל טרעף איך חוה׳ן גייענדיק פון דער אַרבעט. זי אַיילט

---

* אַזעלכע קליינע ווייסע בלימעלאַך, וואָס וואַקסן אונטער שטיינער.

זיך זייער. „חוה, וואָס יאָגט איר זיך אַזוי?״

„איך אײַל זיך זייער״, ענטפערט זי. „אין אָוונט האָבן מיר אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן די שחיטות אויף די אידן אין פּוילן און איך דאַרף נאָך מאַכן וועטשערע. איך וויל נישט זיין שפּעט צו דעם פּראָטעסט־מיטינג״.

איך בין אויך געגאַנגען צום זעלבן מיטינג, אַהיימגעקומען שפּעט. אויף מאָרגן אין דער פרי, איך קוק אַרויס דורכן פענצטער, — חוה גייט שוין צו דער אַרבעט. מיט אַ צייטונג אין דער האַנט, מיט איר לאַנטש אונטערן אָרעם שפּרייזט זי אַ שטאָלצע. און אין אָוונט נאָך וועטשערע, אַז איך גיי אַרויף צו די גאָרדינס, שטייט שוין חוה און פּאַקט אַיין גאָרדינס ביכער אַוועקצושיקן.

זי זאָגט מיר: „איך פיל אַביסל פאַרמאַטערט, אָבער איך מוז נאָך בלויז איינ־פּאַקן די פּאָר ביכער, און אָנשרייבן אַ פּאָר בריוו צו די מיטגלידער פון דער „עטיש־אי־דישער געזעלשאַפט״. מאָרגן איז פרייטאָג, האָבן מיר אין עונג־שבת ביי די פּיאָנערן־פרויען (זי איז געווען אַ מיטגליד אויך פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע) און איך פאַרפעל דאָרטן קיין איין פרייטאָג־צונאַכט נישט״.

אַזוי האָט חוה גאָרדין געלעבט און געאַרבעט. — געאַרבעט אין שאַפּ און גע־אַרבעט געזעלשאַפטלעך. אָבער זי האָט שטענדיק געהאַט אַ האַרציקן שמייכל אויף איר פּנים. קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט. אַ שטאָלצע האָט זי דערפילט איר פליכט אַלס פרוי און מענטש, און גרינג האָט זי געטראָגן דעם יאָך — זאָל איר דערפאַר די ערד גרינג זיין.

זי קלאָגט ניט אויף איר מזל

(געהייליקט חוה׳ן ע״ה)

פון

ל. ראָזאָף

זי קלאָגט ניט אויף איר מזל.
זי וויינט ניט אויף איר שווערן עול.
ס׳איז הערלעך איר מחשבה.
זי הויבט אויף קיינעם הויך איר קול.

עס ברענט אין שאַפּ די אַרבעט,
אַז ס׳רוט קיין שאָטן אויף די ווענט.
אַרויף, אַראָפּ עס שלאָגן
אין הונדערטער די אַרבעטס הענט.

און זי זיצט איינגעבויגן
צעווישן טוכן שנייאיק־ווייס.
ביז נאַכט די ניי־מאַשינע
פאַרשלינגט די טוכן און איר פלייס.

זי קומט אַהיים אין אָוונט
און מאַכט איר אָרים וואוינונג גרייט
פאַר גוטע לייט, וואָס קומען
צום מאַן צו רעדן תורה־רייד.

זי הערט זיך איין בתמימות,
אין טיפער ערנפורכט פאַרגאַפט;
זי פילט די פרייד פון וויסן,
וואָס תורה און וואָס חכמה שאַפט . . .

זי קלאָגט ניט אויף איר מזל.
זי ווײנט ניט אויף איר שווערן עול.
ס'איז הערלעך איר מחשבה,
זי הויבט אויף קיינעם הויך איר קול.

———o———

May 21st, 1944, closes the final chapter in the life of Mrs. Anna Gordin. A life which gave generously and accepted little in return. A life so full of love, devotion, warmth and sincerity. Her passing came to all who knew and loved her as a great shock. The loss of a true and great friend.

Our only consolation is that the late Mrs. Gordin was needed in the world of eternity to carry on her work of spreading love, devotion and friendship as she has done so unselfishly while in this world.

Yes—Anna Gordin is physically no longer with us, but her memories will be everlasting.

May Her Soul Rest In Peace!

From the EMPLOYEES OF SPIRITE

חוה גאָרדין ע״ה

פון

הירש אַבראַמאָוויטש

מיר איז ניט אויסגעקומען צו קענען חוה גאָרדין פאַר אַ לענגערער צייט. מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער פאַרשטאָרבענער באַציט זיך אויף דעם לעצטן יאָר. געטראָפן האָב איך זי בלויז עטלעכע מאָל אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

שוין פון ערשטן בליק האָט איר פּנים צו זיך צוגעצויגן מיט פריינטלעכקייט אָבער אויך אַנטשלאָסנקייט און ענערגישקייט. עס איז געווען אַ באַוועגלעך מענטשלעך פּנים וואָס קען ניט בלייבן אומבאַמערקבאַר.

ווען חוה גאָרדין האָט מיך געטראָפן צום צווייטן מאָל, האָט זי מיך באַגריסט ווי אַן אַלטן פריינט הגם צום ערשטן מאָל האָט מען מיך בלויז פאָרגעשטעלט פאַר איר און פאַר, צו לאַנגע יאָר, אבא גאָרדין. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיין געזונט, געמיט אדג״ל, און געבעטן קומען צו זיי אַהיים. עס איז מיר געוואָרן עפּעס אַזוי אָנגענעם פון דעם אינטערעס, וואָס אַ מענטש, וועלכער קען מיך אַזוי ווייניק צייגט אַרויס צו מיר, אַ פרעמדן, וואָס האָט דאָ קיינעם פון זיינע נאָענטסטע און ליבסטע. אַלץ איז ביי איר געווען אַזוי פּשוט און אָפנהאַרציק, אַז איך האָב באַשלאָסן צו באַזוכן די גאָר־דינס, מיין באַשלוס איז מיר ניט אויסגעקומען דורכצופירן, ווייל גאָר אינגיכן איז חוה גאָרדין קראַנק געוואָרן.

איך האָב צוויי דריי מאָל בייגעוואוינט די פאַרזאַמלונגען פון דער „אידיש עטי־שער געזעלשאַפט״ און איך האָב באַוואונדערט חוה׳ס אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייט. אויב אבא, להבדיל בין החיים ובין המתים, איז געווען דער גייסט פון די אוונטן, איז חוה גאָרדין געווען דער לבוש און דער „פּראַמאָטער״. מיט איר היימישקייט האָט זי זיי צוגעגעבן אַזאַ אינטימקייט, וואַרימקייט; זי האָט געשאַפן אַזאַ אָנגענעמע אטמאָס־פערע, אַז אַפילו מענטשן וואָס זיינען געקומען צום ערשטן מאָל האָבן זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים.

עס איז טרויעריק וואָס פון אונדז איז אַוועק אַ מענטש, ביי וועמען די מעשים זיינען זיך ניט צעגאַנגען מיט די רייד, געדאַנקען און איבערצייגונגען. זי האָט כל ימיה געאַרבעט שווער, אָבער געהאַלטן ברענענדיק דעם נר־תמיד פון אירע פריי־הייטלעכע איבערצייגונגען, פון איר ריינער מענטשלעכקייט, אַ זאַך וואָס איז זעלטן צו געפינען.

איר פּלוצלונגדיקער אַוועקגאַנג איז ווייטאָקדיק פאַר אירע פילצאָליקע פריינט, וואָס האָבן חוה גאָרדין אַזוי געשעצט, וועט איר אָנדענק טאַקע בלייבן אין די הער־צער פון אַלע די, וואָס האָבן זי געקענט און געאַכט.

24 יוני, 1944

השם נתן, השם לקח...

פון

מ. י. כאלישקער

געווידמעט חוה׳ן ע״ה.

אָט־די מתנה רייכע, וואונדערבאַרע, אָדער גאָר פּיקדון,
געגעבן אויף אַ ווײַלע און דאָ גלייך צוריק גענומען האָסט.
דו מעגסט זיך זיין דער האַר־פון־האַרץ, פורכטזאַם אַכפּערדיקער אדון,
איך מוז דעם אמת זאָגן: האַנדלען האַנדלסטו שוין גאָר צו פּראָסט . . .

דו האָסט, פּיל־גנעדיקער, געגעבן
צום מענטשנקינד און צום בעל־חי,
אַ קורצעס מיזעראַבלעס לעבן,
וואָס זינקט אין טויט, ווי זאַנד פון בליי.

צי האָט דיך ווער געבעטן געבן דעם געשאַנק ?
נאָר וואָס ? דאָס איז געווען דיין ווילן איינציק פרייער.
טאָ וואָס פאַרשניידסטו גרויזאַם אים, גלייך ווי אַ זאַנג ?
קענסט ניט פאַרגינען אייביק לעבן, ס׳קאָסט דיר טייער ? !

דאָ גיסט, דאָ נעמסט, מיט דיר איז ניט אַהער און ניט אַהין.
וואָס שענקסט אַוועק פאַר פרישטיק, נעמסט צוריק פאַר מיטאָג.
איז דאָס דער יושר פון דעם עושר, דיינ׳ס דין ?
דיין געטלעך פיר איז אונטער מענטשלעך קריטיק . . .

איך ווייס, מיט דיר זיך אויסצוטענה׳ן איז גאַנץ שווער:
קענסט ווערן בייז און נעמען שרייען דורכן שטורעם.
זאָל איך, ווי איוב, נעמען דיך אויף אַ פאַרהער ? !
מיך טרעטסט און קנעטסט, ווי ליים. דאָך שטאַלטיקסט אין דיין פורעם.

דיין הויף אין מיר סט׳אַריינגעבלאָזן.
דו שענקסט מיר עזות, גיסט מיר דרייסט.

כאַטש נידערן איך טו מיט גראָזן,
שטאָלציר איך מיט דיין הייכן גייסט.

אזוי זיך אויפצופירן דאַרף מען זיין שוין, ממש, אַ רוצח.
וואָס מיינסטו, עפּעס, טויטן מענטשן אין די בעטן לינק און רעכט!
איך האָב פאַר דיר קיין מורא, כ'האַלט זיך פאַר די הערנער פון מזבח.
איך קלאָג דיך, ריכטער, אָן פאַר בית־דין־צדק: גאָט, ביסט ניט גערעכט!

א רעדע געהאַלטן ביי דעם אזכרה־אָוונט פאַר חוה גאָרדין

פון

דר. ד. גלאבוס

מיר זיינען אַלע צוגעוואוינט צו דעם טרויעריק געדאַנק אַז יעדער איינער פון אונדז מוז שטאַרבן, קיין זאַך איז פאַר אונדז ניט אַזוי קלאָר און זיכער ווי אַז דער מענטש איז שטערבלעך — אַזוי איז דער גרויזאַמער געבאָט פון דער נאַטור.

דאָס איז אָבער טעאָרעטיש. ווען דער אומגליק דערגרייכט אונדז אַליין, ווען דער טויט לייגט אַוועק זיין שווערע און קאַלטע האַנט אויף איינעם וואָס איז אונדז ליב און טייער ענדערט זיך דאָס בילד. מיר רעדן שוין ניט פילאָסאָפיש־געלאַסן פון די אייביקע געזעצן פון דער נאַטור, אונדזער נשמה ווערט אָנגעפילט מיט אומענד־לעכן צער, יאוש און בענקעניש, מיר ציטערן אויף מיט אַ געפיל פון פּראָטעסט, עס דאַכט זיך אונדז אַז אַ גרויסע עולה איז באַגאַנגען געוואָרן. אונדזער ליידן און פאַר־צווייפלונג איז אַזוי גרויס ווייל דער טויט פאַרניכטעט ניט בלויז אַ גוף נאָר אויך אַ גייסט.

אַז אַ מאַשין אָדער אַפּאַראַט וואָס אַרבעט אָפּ אַ געוויסע צאָל יאָר הערט אויף מיט דער צייט צו אַרבעטן פאַרשטייען מיר, מיר געפינען דאָס פאַר נאַטירלעך און לאָגיש. אָבער אַ מענטש איז דאָך מער ווי אַ מאַשין, אַ מענטש האָט דאָך עפּעס הע־כערעס אין זיך, אַ מענטש באַזיצט דאָך אָט דאָס וואונדערבאַרע זאַך וואָס מיר רופן גייסט. דער גייסט, וואָס די מאַטעריאַליסטן פלייסן זיך צו מאַכן קלענער, נידע־ריקער, וויניקער וויכטיק, איז דאָך פאָרט ניסים'דיק, דערהויבן און אַזוי נאָענט צו דאָס געטלעכע. ער שוועבט איבערן גאַנצן קאָסמאָס, ער וואַנדערט איבער דעם אומ־

ענדלעכן עבר און קוקט אַריין אין דעם אומענדלעכן עתיד. ער גריבלט זיך איבער די טיפסטע סודות און רעטענישן און וויל פאַרשטיין אַפילו גאָט. און ניט נאָר דענקט דער גייסט, נאָר ער פילט, ער פילט פרייד און צער, גאווה און שאַנדע, האָפנונג און יאוש, ליבע און שינאה און רחמנות. דער גייסט איז איבער דער וועלט, ער שטייט העכער פון איר, ער משפט די וועלט.

ס׳איז דערפאַר פאַר אונדז שרעקלעך, אומענדלעך שרעקלעך, ווען מיר זעען ווי אַ מענטשלעכער גייסט, דאָס ליכט פון אַ מענטשלעכער נשמה ווערט פלוצים אויסגע־לאָשן, ס׳איז אומפאַרשטענדלעך, אומלאָגיש, אומזיניק, אַז דאָס וואָס האָט ערשט רע־גירט די וועלט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב. מיר זוכן אַן ענטפער און קענען אים ניט געפינען און מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר פאַר דער אייביקער רעטעניש.

* * *

איך האָב געקענט חוה גאָרדין אַ יאָר צוואַנציג. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן אין „צענטער״ אויף דער צווייטער עוועניו, וואָס האָט אָנגעפירט א ריין־סאָציאַליסטישע און קולטורעל־אויפקלערישע טעטיקייט. איך האָב תמיד באַוואונדערט איר ליבענס־ווירדיקייט, איר פריינטשאַפט צו מענטשן, און איר פריילעך־געלאַסענעם טעמפּעראַ־מענט. זי איז געווען אַ גרויסע אַרבעטאָרין אין דער באַוועגונג, איר ענערגיע איז גע־ווען פשוט אומדערשפּלעך. עפּעס האָט זי ניט געהאַט קיין אינטערעס אין איר פּער־זענלעך לעבן. זי איז געווען פאַראינטערסירט צו העלפן אירע פריינט און צו אַרבעטן פאַר עפּעס אַן אַלגעמיינעם גרויסן ציל. לעבן האָט פאַר איר געהייסן אַרבעטן, קעמפן, שטרעבן צו עפּעס אַ גרויסן אידעאַל. דער סאָציאַלער אידעאַליזם איז געווען אין איר בלוט, אַן אים האָט דער לעבן פאַר איר ניט געהאַט קיין זין. און דידאָזיקע אידעאַליס־טישע התלהבות איז קיינמאָל ניט פאַרמינדערט געוואָרן, ס׳האָט אנגעהאַלטן ביז׳ן סוף פון איר לעבן.

וואו האָט זי גענומען די כחות פאַר אַזאַ שווערן דינסט צו אירע אידעאַלן ? זי האָט דאָך דעם גאַנצן לעבן געמוזט אַרבעטן און שווער אַרבעטן אין די שעפּער, דער קאַמף אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ האָט דאָך געמוזט פאַרצערן אַלע כחות און ניט איבערלאָזן קיין צייט און ענערגיע פאַר עפּעס אַנדערש. איז זי אָבער געווען אַ אידע־אַליסטקע פון דעם טיפּ וואָס קיינע שטערונגען שטעלן זי, ניט אָפּ אין זייער קאַמף פאַר אַ העכערן און איידעלערן לעבן . . . און מיר מעגן זיין שטאָלץ וואָס דער טיפּ פרויען זיינען ניט קיין זעלטנהייט ביי אונדז אידען.

דאָס אידישע פאָלק איז רייך אין קעמפנדיקע אידעאַליסטן ניט בלויז מענער, נאָר אויך פרויען. חוה גאָרדין האָט געקעמפט מיט מוט, אויסדויער און מכירת נפש פאַר די העכסטע ווערטן ביי דער זייט פון אבא גאָרדין, און זי וועט פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון אַלס איידעלער מענטש און געטרייע קעמפערין.

האַט רחמנות

פון

חיים סקולמאַן

(געווידמעט חוה גארדין)

1.

האַט רחמנות אויף די נאָך ניט געבאָרענע
לאָזט זיי שלומערן אין זייערע אייביקע וועלטן,
צו וואָס זיי ברענגען אַהער אין טאָל פון געוויין
צו וואָס זיך און זיי נאַכהער דאָס לעבן פאַרשעלטן.

איינער פון טויזענט, וועט אפשר זיין גליקלעך,
און מעגליך אַז פון טויזענט ניט גליקלעך וועט זיין איינער
טאָ צו וואָס זיך און זיי פאַרשאַפן צרות,
ווען פון די שוין געבאָרענע, איז כמעט גליקלעך ניט קיינער.

2.

ס׳פעלט גלויבן אין מענטשן . . .

מ׳יר זיינען דאָך דיזעלבע חיות ווי אַמאָל,
אין אונזער אויפיר האָבן מיר געביטן די מעטאָדן,
מיר קענען קיין זאַך ניט באַגרייפן,
סיידן ווען דאָס ברענגט אונז אַ דירעקטן שאָדן.

געשטאָרבן זיינען כמעט אַלע מיינע חברים,
איך לעב ווי אין אַ פרעמדער וועלט.
דער טיפער גלויבן אין דעם מענטשן פעלט.
איך פיל זיך ווי אַ איד צווישן גרים.

דער אייביקער שבת

(דערציילונג)

פון

ברוך גלאַזמאַן

אין מעמאָריאַם: חוה גאָהדין

1.

שטיל איז ר׳ בצלאל געטראָטן איבער דער פאָדלאָגע פון דעם האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, און האָט פאָרזיכטיק אויפגעעפנט די טיר פונם עס־צימער. עס האָט זיך אָבער קעגן זיין ווילן דערהערט אַ סקריפּן, און ער איז געבליבן שטיין, שולדיק און געערגערט, פאַרבייסנדיק אַ ליפּ.

פונם עס־צימער האָבן אַ שפּאַר געטאָן אין קאָרידאָר גאַרבן זוניקן ליכט, וואָס האָט געשטראָמט פון די קלאָרע, צום גאַס אַרויסגייענדיקע פענסטער. זיי האָבן אין אַ האַלב־דורכזיכטיקן דין־שטויביקן זייל זיך אויסגעצויגן משופּעדיק, און געבליבן ליגן אויף דער פאָדלאָגע פונם קאָרידאָר, — אַ שליאַך צו דער זון.

פונם עס־צימער האָט זיך אָבער קיינער נישט באַוויזן. עס האָט זיך פון דאָרט ניט געהערט אפילו קיין שאָרך. די לופט דאָרט איז פאַרבליבן זוניק־ליכטיק און שטיל.

ר׳ בצלאל האָט זיך אַהין פּאַמעלעך, אויף די שפּיץ פינגער, אַריינגעשלייכט. מורא האָבנדיק צו מאַכן אַן איבעריקן שריט, איז ער געבליבן שטיין אין מיטן צימער מיט פאַרלייגטע הענט. הויך און שוויגנדיק איז ער דאָרטן געבליבן שטיין, און אַזוי אומדערוואַרט — אַן אַרונטערגעשטיגענע שוואַרצע גאָטהייט.

אַ שאַרפער ריח פון כלאָראָפאָרם, קאַרבאָל־זויער און פאַרשיידענע אַנדערע מעדיקאַמענטן האָט זיך דאָ געשפּירט אין דער לופט. אויף די פענסטער־שוועלן זיינען געווען אָנגעשטעלט פיל פלעשער און פלעשלעך פון פאַרשיידענע גרויס און קאָלירן.

קיינער האָט ר׳ בצלאלן ניט באַגעגנט. מער נישט די קליינע ווייסע עטיקעט־קעס אויף די מעדיצין־פלעשלעך האָבן ערנסט און זאַך־פאַרשטענדיק אָנגעקוקט בצלאלן אין דער רואיקער נאָכמיטאָג־לופט — אַליין אַזעלכע שלוחים פון אַ ווייסער שוויגעניש ערגעץ אין דער וויט.

אַ פּאָר שפּאַן פון אים, ביי דער הינטערשטער מערב־וואַנט פון צימער, איז געשטאַנען דאָס בעט מיטן קראַנקען.

דאָס בעט איז געווען ריין אויפגערוימט. ווייסע קישן־ציכלעך, ווייסער ליילעך און ווייסער איבערבעט. מער ניט: צוקאָפּנס, אויפ׳ן ווייסן קישן, האָט זיך געשוואַרצט אַ קליינער האַריקער קאָפּ מיט בלייכע אויסגעצערטע באַקן און מיט פיבעריש־ברע־נענדיקע אויגן. נאָר אַזוי איז אַלץ אַרום געווען ווייס, ציכטיק און ריין.

צוקאָפּנס פון דעם קראַנקן איז אויך געשטאַנען אַ שטול מיט אַ שיסל צע־ברעקלט אײַז, און ווידער — אַ פּאָר מעדיצין פלעשלעך. אַביסל נידעריקער, ביים ראַנד בעט, מיטן פּנים צום קראַנקן, איז געזעסן אויף אַ שטול שרה, ר׳ בצלאלס פרוי.

געזעסן אײַנגעבויגן, מיט אַ צערדיקער מינע, די הענט פאַרבראָכן איינע אין דער אַנדערער און נאָכאַנאַנד געקוקט פאַרטראַכט און אָנגעשטרענגט אויף דאָס קליי־נע קראַנקע פּנימל.

זי האָט ניט געהערט ר׳ בצלאלס אַרײַנקומען. זי האָט זיך אַפילו ניט אומגע־קוקט, ווען זײַנע שווערע מאַנסבילשע טריט האָבן זיך צו איר דערנעענטערט. עס האָט זיך דעריבער געדוכט, אַז זי איז אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן שוין פון עטלעכע טעג.

2.

שוין צוויי וואָכן, ווי דער קלייניקער יצחקל — דאָס יינגל מיט די פולע רויטע בעקעלעך, ווי ווינטער־עפּעלעך, און שטענדיקן שטיפערישן געלעכטער, — איז קראַנק געוואָרן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ קלייניקייט, פון אַן אָפּגעבריטער האַנט, נאָר אַנט־וויקלט האָט זיך עס גיך אין אַ פיבער, און באַלד — אין אַן ערנסטער פאָרם פון סקאַר־לאַטינע.

דעם חולהס צושטאַנד איצט איז געווען שוין זייער אַן ערנסטער. די דאָקטוירים האָבן זיך כמעט אָפּגעזאָגט פון אים. דאָס קינד איז געווען זייער באַליבט ביי זײַנע עלטערן און איצטער האָט ער אויף דער מוטערס אויגן געהאַלטן אין פאַרצערט ווערן, אין פאַמעלעכן פאַרשווינדן.

שרה האָט דעמאָלט גלייך אָנגעשיקט אַ בריוו איר מאַן, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ ניט־ווייטלעכער שטאָט צוליב זײַנע געשעפטן, — אַז ער זאָל אומבאַ־דינגט שנעל קומען. אין בריוו איז נישט געשטאַנען די סיבה פון שרהס רופן אים אַהיים, נאָר ר׳ בצלאל, ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט דאָס בריוול, האָט שוין גע־האָט דאָס פאַרגעפיל, אַז עפּעס אַן אומגליק געשעט דאָרט דוקא מיט זיין ליבן איצעלען, — כאָטש ער האָט דאָך דאָרטן נאָך אַ קינד.

האָט ער גלייך אויפן צווייטן טאָג, אין אַ קילן זומערדיקן פרימאָרגן, געגומען

אין דער ניט־ווייטלעכער שטאָט דעם ווייסן דאַמפּער, וואָס איז מיט אים אין משך פון אַ מעת־לעת ערנסט און לאַנגזאַם געשוואומען אויף דעם גרינלעכען און שטילן וואַסער, — געשוואומען ערנסט און לאַנגזאַם, ווי פילנדיק די וויכטיקייט פון זיין שליחות און די ערנסטקייט פון אָט דער נסיעה.

און איצטער איז ר' בצלאל געשטאַנען אין מיטן עס־צימער, אין דעם האַלב־זיידענעם ברוינלעכן סורדוט, פאַרשטויבט פונם וועג, אַ מידער און נאָך נישט קיין אויסגערוטער, און האָט מיט אַן אבלדיקער מינע געקוקט פאַר זיך.

ניט נאָר אין אָט־דעם צימער, — אַ פּוסטקייט און אַ שטילקייט פון אַ קראַנקן־צימער האָט געהערשט אויף אינם גאַנצן הויז. זיין עלטערער יינגל, כתריאלקע, איז אַוועקגעשיקט געוואָרן פונם הויז צו אַ קרוב אויף דער צווייטער עק שטאָט נאָך מיט אַ וואָך צוריק, כדי ער זאָל זיך ניט אָנשטעקן פון דעם קלענערן ברודערס קראַנקהייט. איצטער איז ער אוודאי נאָך געווען אין חדר און האָט פון טאַטנס אָנקומען דערוויל נאָך נישט געוואוסט. אין שטוב איז דעריבער איצט קיינער ניט געווען אוי־סער זיין פרוי מיט דעם פאַמעלעך־פאַרשווינדנדיקן קינד.

ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שרה אומבאַוואוסטזיניק דערפילט אויף זיך עמעצנס בליקן, אומגעקערט זיך מיטן פּנים צום צימער. און אַז זי האָט דערזען איר מאַן, — וועלכן זי האָט שוין עטלעכע חדשים נישט געהאַט געזען, און וועלכער איז נאָך איצטער איר אויך שיער ניט געווען אַזוי ליב און טייער, ווי באַלד נאָך דער חתונה, — האָט זי זיך פון איר פּלאַץ נישט אויפגעהויבן, אים אַנטקעגן נישט געגאַנגען. אַ קורצע ווילע האָט זי אים אָנגעקוקט פאַרטראַכט און פאַרטרויערט, מיט אַ שטאַרן בליק, גלייך ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געווען געשטאַנען דאָ און זי האָט אים נישט אָט ערשט איצט דערזען. ערשט דערנאָך האָט זי פאַמעלעך און אָפּגעשוואַכט אים אַ שאָקל־צו־געטאָן מיטן קאָפּ, אים אַ וואונק געטאָן, ער זאָל צוגיין נעענטער צו דעם חולה'ס בעט.

האָט ר' בצלאל געפאָלגט, איז אויף די שפּיץ פינגער און פאַרזיכטיק, — ווייל ער האָט געמיינט אַז דאָס קינד איז געשלאָפן, — צוגעגאַנגען צום בעט.

איצעלע, דאָס קראַנקע קינד, איז אָבער געלעגן אויפן בעט מיטן פּנים אַרויף און מיט גאַנץ־אָפענע אויגן אויף עפּעס געקוקט.

עס איז שווער געווען צו וויסן, אויף וואָס ער האָט דאָרט געקוקט. ווען דער פאָטער האָט צו אים אָנגעהויבן שמייכלען און פון דער בוזים־קעשענע אַרויסגענומען אַ מתנה, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט און עס דעם קינד דערלאַנגט — האָט דאָס קראַנקע קינד נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו דעם. אַפילו אין דעם בליק, וואָס ער האָט איצט געווענדט און שוין אַ שטיק צייט דערנאָך געהאַלטן אויפן פאָטער, איז

געווען צו דערקענען, אַז ער זעט יענעם נישט, אַז ער דערקענט גאָרנישט דעם טאַטן זיינעם און אַז ער קוקט גאָר איצט ווי אויף עפּעס אַנדערש, — אויף עפּעס אַזוינס וואָס קיינער אַרום אים, אַפילו זיינע אייגענע פאָטער־מוטער, זעען עס נישט.

ער איז שוין געווען ניט זייערס.

ער האָט אינגאַנצן געברענט. אַ צונטערדיקע רויטקייט האָט געשפּילט אויף זיינע מילך־ווייסע באַקן, די שוואַרצקייט פון זיינע ברייט־פונאַנדערגעעפנטע אויגעלעך האָט אויך געפלאַמט שטאַרקער, ווי געוויינלעך. עס האָט זיך געטראָגן אַ היץ אַרום אים, ער איז געווען ווי אינגאַנצן איינגעוויקלט אין איר. עס איז ממש געווען צו זען, ווי דאָס קינד גייט אויס לאַנגזאַם און פאַמעלעך, — ווי עס ווערט שטיל פאַרברענט.

דערנאָכדעם האָט ער ווידער אויפגעהויבן זיינע אויגן צו דער סטעליע, און איז שוין אַזוי געבליבן ליגן די גאַנצע צייט.

אין דער נאָכמיטאָגדיקער שטילקייט פונם עס־צימער האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ שטילער אויסגעצויגענער געזאַנג. טאַטע־מאַמע האָבן מיט שטוינונג באַמערקט, אַז דאָס האָט עס דאָס קינד מיט אַ ציטערדיקער שטים, זיך אַלע ווילע אָפּהאַקנדיק פון אָנמעכטיקייט, געזונגען זיינס אַ באַליבט לידעלע.

עס איז געווען אוממעגלעך צו פאַרשטיין, וואָרום ער האָט זיך גראד איצטער אָן דעם דאָזיקן לידעלע דערמאָנט. נאָר אַזוי האָט ער עס שוין געטאָן: איז געלעגן אויפן ווייסן געלעגער, מיטן פּנים אַרויף, די אויגן ווייט פונאַנדערגעעפנט, ווי ווערלענדיק אַלץ אין זיך אַריינשלינגען צום לעצטן מאָל, און האָט נאָכאַנאַנד געצויגן זיין איינטאָניקן און שוואַכן געזאַנג:

— לאַ—לאַ, ללאַ—ללא . . .

ר' בצלאלן איז געוואָרן איצט נאָך מער קלאָר, אַז זיין קינד גייט אַוועק פון דער וועלט. ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק פונם בעט, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט זיין פרויס בליק, און ביידע האָבן גלייך אַרונטערגעלאָזט די אויגן. דערנאָך האָט ער שווייגנדיק און מיט צוזאַמענגעפרעסטע ליפּן אָנגעהויבן צו קוקן אויפן פענסטער.

זיין בליק האָט זיך דאָרט גלייכגילטיק אָפּגעשטעלט אויף איינעם אַ קליין מעדיצין־פלעשעלע. דאָס פלעשעלע איז געווען גרינלעך און האָט געהאַט אויף זיך, ווי אַלע אַנדערע פלעשעלעך, אַ ווייס צעטעל. אויף דעם פלעשעלע איז געווען אויסגעמאָלט אַ טויטנס שאַרבן — אַ שאַרבן מיט שוואַרצע אויגנלעכער און צוויי שצירענדיקע ציין. אויף ביידע זייטן פונם שאַרבן האָבן זיך איבערגעקרייצט ביינער, — צוויי הוילע, אויסגעטריקנטע קנאָכן־ביינער.

4..

אויף מאָרגן איז דאָס קינד געשטאָרבן.

עס איז גראַד געווען פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג, און מען האָט זיך געדאַרפט צו־אײַלן, כדי נישט אַרײַנצופאָרן אין שבת אַרײַן.

אַ קברות־מאַן, אַ נידעריקער און אַ שווייגנדיקער אידל, מיט אַרונטערגעלאָז־טע אויגן אונטער געדיכטע ברוגזע ברעמען, האָט דאָס מת'ל אײַנגעוויקלט אין אַ שוואַרצן טוך, גענומען דאָס פּעקעלע שוואַרצס אונטערן אָרעם און אַוועקגעפירט עס אויף אַ פּשוטן פויערישן וואָגן אויפן זאַמדיקן שליאַך, וואָס פירט צום בית־עלמין — צו.

און ווידער איז געוואָרן שטיל אין שטוב: עס איז געווען אין דרויסן דעמאָלט אַ וואַרעמער זומערדיקער טאָג און די לופט איז געווען העל און בלענדנדיק־בלוי. זי האָט אַזש געציטערט פון דער אייגענער וואַרעמקייט. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין גאַס אונטער די לויכטנדיקע פענסטער, און דאָס באַלדיקע אָנקומען פון אַ לאַנגן זו־מערדיקן שבת האָט זיך געשפּירט אומעטום אין דער לופט.

אַז כתריאלקע, דער עלטערער ייִנגל ר' בצלאלס, איז אַרום פיר אַ זייגער יענעם נאָכמיטאָג געקומען אַהיים, געוואָר צו ווערן, וואָס מאַכט זיין ברודערל און צו זען זיין מוטער, האָט ער שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער, ווייל אין שטוב האָט ער דאָך ניט געטאָרט אַרײַנגיין.

ווען דער פאָטער איז אַרויסגעקומען, האָט ער דעם קינד קיין וואָרט נישט גע־זאָגט, נאָר אים בלויז אַרומגענומען און אָנגעהויבן קושן. „קינד מיינס", האָט ער געפּרוּווט אָנהויבן, אָבער בלויז שטאַרק געציטערט. און כתריאל האָט באַלד פאַר־שטאַנען, וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט און אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. נאָר ער אויך האָט זיך באַלד געשטאַרקט, ווייל שבת איז שוין געווען נאָענט, און ווייל זיין פאָטער, לאַשטשענדיק אים מיט ליבע, האָט אים שווייגנדיק געבעטן, ער זאָל אים צוליב טאָן, און זאָל ניט וויינען.

דעם צען־יעריקן כתריאלן האָט מער ווי אַלץ פאַרדראָסן דאָס, וואָס ער האָט דעם ברודערל צום לעצטן מאָל פאַרן טויט ניט געזען, און צום לעצטן מאָל ניט אָנ־גערירט כאָטש, ער האָט זיך דאָך אויף אַזאַ אויסלאָז פון זיין ברודערלס קראַנקהייט גאָרנישט געריכט. גאָט זאָל אים מוחל זיין. אין דער זעלבער צייט, וואָס זיין ברודערל איז אין שטוב אויסגעגאַנגען, איז ער גראַד געווען אויפן ברעג טייך מיט אַנדערע חדר אינגלעך און האָט גאָר געכאַפּט פישלעך. אַך, ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט...

איצט אָבער איז שוין געווען פאַרפאַלן.

מיט אַ געפיל פון איינעם, וואָס האָט פאַרלוירן עפּעס אַ גרויסע און טייערע זאַך אין זיין לעבן, און ווייס, אַז זי וועט זיך שוין צו אים מער קיינמאָל נישט אומקערן,

האָט ער מיט זיין פאָטער זיך אַנידערגעזעצט אין דרויסן אויף דער פּריזבע פון זייער הויז, זיי האָבן בײדע געשוויגן.

אַרום און אַרום, אין דער ערב־שבתדיקער גאַס, איז געווען ליכטיק און פריי־לעך. פון די אָפענע פענסטער און טירן האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון שטויסלען, וואו מען האָט געשטויסן צימערינג, פון האַק־מעסערס, מיט וועלכע מען האָט גע־האַקט די פיש, און פון זיך־שפּילנדיקע און רוישנדיקע יינגלעך. די זון האָט נאָך גע־גאָסן מיט שטראָמען גאַנצע ליכט און אַלץ אין דעם געבאָדן, און אַ גרייטן־זיך פאַר עפּעס אַ גרויסן יום־טוב האָט זיך געשפּירט אין דער לופט.

5.

שפּעט פאַרנאַכט איז אַ גרויסע און אַ רויטע זון פאַרגאַנגען, און דער שבת האָט זיך געלייגט אויף דער גאַס אַרום.

אַלץ איז געוואָרן שטיל און רואיק. אַפילו דער שטויב אויף דעם ברוק האָט זיך געלייגט און אַ פרידן האָט זיך געשפּרייט אויף אַלץ אַרום. דער טאַטע איז שוין געווען צוריק אין שטוב, כתריאלקען האָט מען נאָך אָבער ניט געטאָרט אַריינלאָזן. אויף דעם שבת האָט ער נאָך געדאַרפט צוריקגיין צום קרוב אויף יענער זייט שטאָט. ווי אַן אַרויסגעטריבן הינטל איז דאָס קינד אָבער געבליבן נעבן שטוב, ניט געקענט פון דאַ־נען אַוועק.

אידן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, אַן וועלכע זון־שטראַלן האָבן זיך בלוטיק אי־בערגעבראָכן, זיינען שוין געגאַנגען איצט אין שול אַריין. פון די בלאַנקענדיקע שויבן האָבן שוין אַרויסגעלויכטן פלעמלעך פון שבת׳דיקע ליכט. אויך די מאַמע זיינע האָט שוין געבענטשט ליכט — מיט איין ליכט ווייניקער . . .

און ווען כתריאלקע האָט אין אַ ווײַלע אַרום געגומען און דורך די שויבן אַריינ־געקוקט צו זיך אין הויז אַריין, האָט ער מיט אַמאָל אין איינעם פון די ליכט־פלעמע־לעך דערזען זיין ברודערלס פּנימל: עס האָט געלויכטן און געשמייכלט צו אים פון די ליכט אַרויס.

כתריאלקע האָט זיך צוערשט אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט אַזש שיער ניט אויסגעשריען. ער איז אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער אין גרויס פּחד. פון שרעק האָט ער דערפילט אַזאַ שוואַכקייט אין די קניעלעך, אַז געמוזט האָט ער זיך באַלד צוריק אַנידערזעצן אויף דער פּריזבע, כדי זיך ביסלעכוויז צו באַרואיקן. אָבער אַביסל שפּע־טער, אין אַ מאָמענט פון ניט־געריכטער קינדישער דערוואַקסנקייט, האָט דאָס קליינע אינגעלע, אין דעם אַלץ געדיכטער־ווערנדיקן אָוונט, ביסלעכוויז אָנגעהויבן טראַכטן מאָדנע געדאַנקען פאַר אַזאַ קליינעם אינגל. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אויב זיין ברודערלס נשמהלע שוועבט איצט אַרום ביי זיי אין הויז און פאַרנעמט צוריק

איר פריערדיקן פלאַץ, הייסט עס דאָך, אַז אייגנטלעך שטאַרבן גאָרניט די מענטשן און פאַרשווינדן ניט אינגאַנצן: ווייזט אויס, אַז מער נישט ווי זיי גייען אַוועק אַן־אַ־זייט כדי ניט צו וואַרפֿן זיך צופיל אַלעמען אין די אויגן, אַזוי ווי די לעבעדיקע... אָבער אין דער אמתן פאַרבלייבן זיי יאָ דאָ, צווישן די לעבעדיקע; מיטן טויט ווערט ווי פאַר־שניטן אַן אייביקער בונד פון פריינטשאַפט צווישן ביידן, — די „טויטע", די ניט־געזעענע, ־גיבן שוין אויף תמיד אַכטונג אויף די „לעבעדיקע", די געזעענע . . . אַזוי אַפנים גייט עס אָן פון אייביק און וועט אויך אַזוי אָנגיין די גאַנצע צייט.

פון אָט די, פאַרן אינגל אַזוי אומגעווײנטלעכע און אַזוי אומגעריכטע, געדאַנקען האָט דער יונגער כתריאליק פּאַמעלעך און באַשווערט אָנגעהויבן נידעריקער אַרונ־טערצולאָזן זיין קאָפּ. גוט און רואיק איז אים ביסלעכווייז געוואָרן, די קילנדיקע לופ־טיקייט האָט אים אײַנגעשלעפערט, און ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן צוריקצוגיין צום ווייטן קרובֿ׳ס הויז אויף יענער זייט שטאָט.

און דער שבת׳דיקער אָוונט האָט זיך איבער אַלץ געשפרייט.

פּ ר ו י

פון

נחמיה קליין

(צום אנדענק פון חוה גאָרדין)

די וואָס זיינען געשטראָפט מיט לאַסט פון זען
שיילן אַרויס דיין געשטאַלט פון אונטער אירע הילעס,
אַנטפּלעקן דיין נשמה פון אונטער אירע מאַסקעס,
און באַפּרוכפּערן זיך מיט דיר
צו געבערן אייביקייט.

דער וואָס זינגט אין פאַרבן
זינגט אויס דיינע קאָלירן
מיט די העכסטע טענער פון מיטנטאָג.
ער געווינט דיך אַרויס אויפן לייוונט אין שטראַלן
און טוט דיר אָן די זון פאַר אַ קרוין.

דער וואָס בויט אין קלאַנגען
קומט צו דיר
ווען אַלע נגונים זיינען אים אויסגעגאַנגען
און אַלע ווערטער אויסגעאָטעמט.
טרינקט ער אויס דעם ווין פון דיינע לאָגלען
פאַר נייע פרייד און טרער געזאַנגען.

דער וואָס קריצט אין שטיין און גיסט פון מעטאַל
פורעמט ליבערשט דיינע ליליען־ליניעס און רונדע ראַנדן
איידער די לאַנגע ליניעס און שאַרפע קאַנטן
וואָס טיילן אָפּ
זאַמד פון ים,
ערד פון הימל,
שוואַרץ פון ווייס.
דער פייער פון זיין דורשט שמעלצט אויס דיין גוף אין גאָלד,
די פינגער פון זיין הונגער קושן אויס דיינע גלידער אין מירמל.

מאַן וויל פאַרשמעלצן דיך אין זיך אויף אייביק,
דיך איינפאַרן צו זיך אין שווערן יאָך,
צו וואַרעמען די נאַכט פון עלטער און פון עלנט,
אויסצובעטן דיין ווייכקייט אין טאָג פון בראָך.

גערדאַנקען

(געהייליקט חוה גאָרדין)

פון

מ. צוקער

א. צו נעמען אויף זיך אַן עול פון אידישער עטיק איז ניט קיין לייכטע זאַך.

ב. אַפילו דאָס אַליין צו זיין אַ איד אין אַזאַ שרעקלעכער ניט־אידישער וועלט איז שוין, אין אַ געוויסן גראַד, אַן עטישע אַקציע.

ג. יעדער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענקום טראָגט אין זיך אַן עטישן קערנדל, אָבער זיך צו אָרגאַניזירן אַלס אַן עטישע קערפּערשאַפט, זיך שטעלן עטישע אויפ־גאַבן דאָס איז שוין כמעט אַ צעאַקערט און פאַרזייט פעלד, אויף וועלכן עטישע טאַטן וועלן וואַקסן.

ד. דערווייל איז נאָך ביי דער אידיש עטישער געזעלשאַפט ניט פאַראַן קיין תרי״ג מצוות. ס׳איז מער אַ נשמה־זאַך, ווי עפּעס אַנדערש.

ה. אַ מענטש וואָס האָט אַוועקגעגעבן כמה יאָרן פאַר געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן און איז, צום ענדע, געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די געזעלשאַפט באַשטייט פון „מענטשן״ און אַז די אַלע גוטע מענטשלעכע אידעאַלן קענען ניט פאַרווירקלעכט ווערן סיידן עס זיינען פאַראַן גוטע מענטשן, איז עס מער ווי נאַטירלעך פאַר אים אַז ער זאָל לאָזן צורו יענעם און זיך נעמען צו זיך, זיך נעמען אויסלופטערן דעם אייגענעם באַגאַזש פון געדאַנקען און טאָטן.

ו. די יוגנט איז אַ צייט פון קאַמף; דער עלטער איז אַ צייט פון חשבון־הנפש. האָט מען נאָך צו צייגן, אַז מ׳האָט אַמאָל געקעמפט פאַר אַ גוטער זאַך איז אַ האַלבע צרה; טאָמער ניט — איז גאָר שלעכט.

ז. די גרויסקייט פון אַ מענטשן דריקט זיך אויס ניט בלויז אין זיינע גרויסע טאָטן, נאָר אויך אין זיין שטרעבן צו גרויסע טאָטן.

ח. עס איז אונדזער חוב צו פאַראייביקן יעדן מענטשן, וואָס האָט עפּעס אויפגעטאָן, אָדער בלויז געמיט זיך אויפצוטאָן, פאַר זיינע מיטמענטשן. זאָלן מענטשן זען אַז גוטע מעשים און גוטע מחשבות גייען ניט פאַרלאָרן.

ט. אום צו זיין אימשטאַנד אויפצונעמען די שטראַלן פון אַ מאָראַלישן אידעאַל מוז מען האָבן אַ געלייטערט געוויסן.

י. מיר בויטיקן זיך מער אין חכמים, אין גייסטיקע העלדן, ווי אין פיזישע גיבורים. דער חכם פירט אונדז אַריין אין אַ וועלט, וואו אַלע קענען געניסן; דער פיזישער העלד האָט אימער אין זינען זיין אייגענעם נוצן אָדער דעם נוצן פון אַ באַגרעניצטער צאָל פון זיינע מיטהעלפערס.

די מעשה ווי רב נחמן איז אריין אין גן עדן

(געהייליקט חוה גאָרדין)

פון

ה. גאָלד

רב נחמן איז געגאַנגען אין וועג: האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד: הערט ער פונוויטן קולות: קומט ער צו נענטער: זעט ער אַ ווייַנגאָרטן: אין ווייַנגאָרטן זיצן אידן, לערנען תורה, און קריגן זיך:

דער זאָגט, אַזוי וואָלט רב נחמן געלערנט דעם פשט, און דער זאָגט, אַזוי וואָלט רב נחמן געלערנט דעם פשט.

געט ער צו, פרעגט ער זיי:

— וואָס קריגט איר זיך?

ווייזן זיי אים אַ שטיקל ירושלמי. לערנט ער זיי אָפּ דאָס שטיקל ירושלמי, ווערט זיי ליכטיק אין די אויגן.

פרעגן זיי אים:

— זיינט איר, אפשר ניט, רב נחמן?

זאָגט ער זיי:

— יע.

זאָגן זיי צו אים:

— מיר האָבן דאָס פריער געוואוסט. ווייל דו האָסט געבראַכט אַזעלכע ריחות פון בלומען און געווירצן, ווי דער גן עדן וואָלט אַהער געקומען.

זאָגט ער צו זיי:

— איך האָב פאַרבלאָנזשעט אין וואַלד: קענט איר מיר ניט ווייזן דעם וועג אין שטאָט אַריין?

זאָגן זיי אים:

— מיר ווע͏לן דיך ניט אָפּלאָזן: דו מוזט מיט אונדז אָפּלערנען דעם גאַנצן ירושלמי.

נעמט ער זיך בעטן ביי זיי:

— מיינע ליבע אידן! ווי קענט איר פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך: מיין פרוי און קינדער וואַרטן אויף מיר מיטן שבת: מאָרגן איז שוין ערב שבת: מאָרגן דאַרף איך זיין אין שטאָט.

זאָגן זיי צו אים:

— מיר וועלן דיך אָפּלאָזן: ווייזן דעם וועג אין שטאָט אַריין. אָבער זאָלסט אונדז צוזאָגן, אַז נאָך שבת קומסטו צוריק, מיט אונדז אָפּלערנען דעם גאַנצן ירושלמי. האָט ער זיי צוגעזאָגט.

האָבן זיי אים געוויזן דעם וועג אין שטאָט אַריין: איז ער געקומען אהיים: אָנגעשריבן זיין צוואה: און נאָך שבת איז ער נפטר געוואָרן.

אַן אשת חיל

(כאַראַקטער בילד)

פון

חיים פעט

געווידמעט חוה׳ן.

מיין מומע ביילע האָט ניט געהאַט קיין קינדער. איר מאַן לייבוש למדן איז אָפּגעשטאָרבן אין די בליענדיקע יאָרן. זי האָט געלעבט אין איר גרויסן מויער וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיט פון דער ברייטער גאַס. דעם מויער, קען מען זאָגן, האָט זי אויפגעבויט מיט אירע אייגענע הענט. — געשטאַנען גלייך מיט די מוליאַרעס, געהאָלפן טראָגן די ציגל. לויט איר פּלאַן געהאַקט די פענצטער. הויכע טירן. ברייטע גאַניקעס.

פּרנסה — האָט מיין מומע געצויגן פון די פּריצים אַרום וואָלף.

זי איז געווען אין דער יוגנט אַ שיינהייט. שטענדיק געהאַלטן דינסטן. וועלכע זי האָט מיט כל־ערליי קונצן אויסגעפּרובירט אויסצוגעפינען צי זיי זיינען ערליך. זי איז געווען אַ מענטש פון שטימונגען און קאַפּריזן; אַלץ וואָס עס פלעגט זיך אָנקלייבן אויפן האַרצן, האָט זי אויסגעלאָזן צו די דינסטן.

אין די קאַשצאַרן האַלץ וועלכע זענען געשטאַנען איבערן הויף, האָט זי אָנגעשטעקט שמאַטעס ... אין די סלאָיעס שמאַלץ האָט זי געמאַכט פינגער. אין קעלער, אויפן בוידעם פול מיט גוטסערייען איז געווען סמנים און פעטשאַטן.

ווען אַ גאַסט איז צו איר געקומען אַפילו אינמיטן ווינטער, האָט זי אַרויפגעטראָגן עפּל, באַרן ווי פון בוים אַראָפּגענומען ...

אין שפּייכלער איז געווען אַ הילצערנער קופערט, אַן אַרומגעשלאָגענער מיט אייזערנע רייפן. אין דעם קופערט זיינען געשטאַנען איינגעמאַכטסן, נאַליווקעס און וואָס „אַ מויל קען אויסריידן“.

און ווען עמיצער איז געקומען בעטן אַביסל וואַרעניעס דערהאַלטן די נשמה... איז מיין מומע אַרויסגעגאַנגען פון די ווייטע צימערן אַ שלאַנקע און אויסגעהיידעלטע. — ווער איז ביי אייך קראַנק ? ! — האָט זי שטריינג אַ פרעג געטאָן. — האָט איר גערופן אַ דאָקטאָר ? נו, וואָס האָט ער געזאָגט ? רעדט ! ! ! — דערנאָך איז זי אַרויס פון שפּייכלער אַן אויפגעשטראַלטע, אַ שיינענדיקע, צענומען פון חרטה ... — איר ווייסט וואָס ? נאָט אייך עטלאָבע רובל ! אייער מאַן וועט אם ירצה השם געזונט ווערן... ווען יענע האָט גענומען די געלט, און די גלאָז נאַליווקעס האָט זי פאַרשעמט גערירט, אָנגעבענטשט אַ פולע קאָפּ ...

מיין מומע איז שוין געוואָרן שטרענגער: — איר דאַרפט וויסן, באַ מיר שמידט זיך ניט קיין געלט. וואָס איז באַ מיר אַ „קאַזנאַטשיי" — האָט מיין מומע געשריען אַף דער דינסט . . .

פונדעסטוועגן האָבן זיך ביי מיין שטרענגער מומען געהאַלטן דינסטן. זיך געהאַלטן ביז דער חתונה. און אַף זייערע חתונות איז מיין מומע געוועזן די גלאַוונע מחותנתטע. זיך אָנגעטאָן אין סאַמעט און זיידענס. מיט די שנורן פּערל אַף איר גע־טאַקטן האַלז, בראַסלעטן אַף די איידעלע געלענקען. און געטאַנצט מיט אַלע בחורים, מיידלאַך, וואַלסן, קאַדרילן. אירע פיס האָבן זיך ניט צוגעשטעקט צו דער ערד . . .

און אויף דער וועטשערע איז זי געוועזן די סאַרווערין. געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן ברייטן פאַרטוך. ס׳איז איר געשטאַנען צום פּנים, ווי די שנורן פּערל און זיידנס, און סערווירט האָט זי מיט אַ לאַד, ניט פאַרזען פון דעם אינגל באַם טיר ביזן הויפּט־מחותן באַם טיש. און באַם דרשה־געשאַנק איז זי געוועזן די ערשטע. זעלטן האָט עמיצער אריבערגעשטייגט איר געשאַנק . . .

מיין מומע האָט געלעבט ברייט־קרייזיק, געשטאַלטיק, סיי שטרענג, סיי אין גנאָד. און ווען מיין מומע איז געשטאָרבן האָבן איר קינד און קייט באַגלייט צו איר אייביקער רו . . . יון 1944, ברוקלין.

די זעאונג פון נביא ישעיה

פון

אבא גאָרדין

געווידמעט חוה גארדין, ז״ל.

״זיי וועלן ניט טאָן קיין שלעכטס און זיי וועלן ניט פאַרדאַרבן . . . וואָרעם עס איז פול געוואָרן די ערד מיט וויסן פון יהוה״. (א)

„וואָרעם איך באַשאַף נייע הימלען און אַ נייע ערד, און די פריערדיקע וועט מען ניט געדענקען און מ׳וועט פון זיי ניט טראַכטן״. (ב).

„די זון וועט דיר מער ניט זיין פאַר ליכט ביי טאָג, און פאַר העלקייט וועט דיר ניט לייכטן די לבנה.

נייערט יהוה וועט דיר זיין פאַר אַן אייביק ליכט . . . מער וועט ניט אונטערגיין דיין זון,

און דיין לבנה וועט ניט איינגעטאָן ווערן.

וואָרעם יהוה וועט דיר זיין פאַר אַן אייביק ליכט״. (ג׳)

א׳

די פולקייט פון זעלבסטבאַוואוסטזיין

זעלבסטהייט איז עפּעס גאַנצעס. די איכהייט איז אַ יחיד ומיוחד, איז אַן איי־ניקייט און איינציקייט. הגם אונטן, אין די אונטערשטע אפּטיילונגען פון דער האַלב־באַוואוסטזיניקייט, בלאָנקען זיך אַרום עטלעכע כמעט־ווילדע אַנטי־סאָציאַל־פּסיכישע געדאַנקען און אומהויזנדיקע צושטאַנדן, דרייען זיך אַרום קוים־באַוואוסטע געפילן, שטערן זיי ניט די טיפערע גאַנצקייט, וואָס באַהויפּט זיך זיי אויף צו להכעיס.

די ׳ניט־פּאָלגערס׳ פון דער פּסיכאָלאָגישער געזעלשאַפט וועלן „בעסער ווערן״, וועלן זיך אַריינפּאַסן אין אַלגעמיינעם ראַם און וועלן מיטן אייגענעם פרייען ווילן זיך אונטערוואַרפן אונטער דער יורידיקציע פון דעם גאַנצן איך, אַ באַשטאַנדטייל פון וועלכן זיי זיינען סיי־ווי־סיי.

דער פאַרשטאַנד איז אַ שאַפער, אַן עטאַבלירער פון שטאַנד און שטענדיקייט... ער איז דער פאַראייניקער פון חושים. דאָס וואַקסן און געדייען פון פאַרשטאַנד אַנט־פּלעקט זיך דורך דער פאַנאַנדערעפענונג און פאַרטיפונג פון דער גרויסער מענגע פון פאַרשיידנאַרטיקע חושים. עס זיינען פאַראַן קעגנשטאַנדן וועלכע מיר נעמען אויף מיט אונדזער זע־חוש, אַנדערע, ווייטער, כאַפּן מיר אויף מיט אונדזער הער־נעץ, אַנ־דערע, ווידער, — מיטן חוש־הריח, גאָר אַנדערע מיט דעם געשמאַק, און גאָר אַנדערע מיט אונדזער אַנטאַפּ. דער פאַרשטאַנד איז דער קאָאָרדינאַטאָר. דער שכל איז דער קאָמבינאַטאָר און אוניפיקאַטאָר פון אַלע אונדזערע פּערצעפּציעס, וועלכן ווערן אַריינ־געבראַכט דורך אונדזערע חושים. שכל, פאַרשטאַנד איז דער כשרון, די פאַקולטעט פון קאָמבינירונג און איניקונג, און אַלס אַזעלכער איז ער אַ טייל פון דער זעלבסטהייט. דער זעלבסטום איז דער אָנהויב און דער סוף פון אַלע פּראָצעסן, רעגונגען, שפּי־רונגען, טואונגען, וואָס קומען פאָר אינערלעך, אין אונדז, און אויסערלעך, מחוץ פון אונדז. דער חוץ איז אַן אינערלעכקייט פון אַ גרעסערן, פון אַן איך־לשער גרעסערן ראַדיוס. זעלבסטום פאַסט אַרום יעדן פּראָצעס צוויי מאָל. עס זיינען פאַראַן מדריגות אין זעלבסטום, ווי אויך דיסטאַנצן אין צייט און קוואַליפיקאַציע. עס איז פאַראַן אַ פאַרדעם און נאָכדעם, אַ קודם למעשה און אַ לאחר־מעשה.

באמת, טיפער גענומען, פאַרמאָגן מיר בלויז פאַרשטאַנד און גאָר קיין חושים ניט. מחמת לכתחילה זיינען אַלע פינף, אָדער זיבן, חושים געווען צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין פאַרנינפטיקייט און דערנאָך, דורך אַ פּראָצעס פון דיפערענציאַציע און אַנאַ־ליטיק, האָבן זיי זיך אויסגעטיילט און אַרויסגעשיילט. איצטער זיינען זיי שוין מער ניט די פאַרצייטיקע טעמפּע שפּירער, אויפנעמער. אַצונד נאָך דער זעלבסט־אויסטיי־

לונג און ווידער זעלבסט־פּאַראייניקונג זיינען זיי געוואָרן אמת׳ע חושים. זיי זיינען ספּעציאַליזירט, שאַרף און אינטענסיוו.

אינטעראידייעזאַציע אָדער אינטערפּסיכיזאַציע איז די אַקציע וואָס קומט פאַר אין אונדז און אַט־די האַנדלונג האָט עס באַשאַפן אונדזער פּסיכיק אַלס עפּעס גאַנצעס. אַט־די אינטעריזאַציע, די צעווישענונג, די זעלבסט־אָפּטיילונג און זעלבסט־פאַראייניקונג דורכגעפירט פון זיך אַליין און אויף־אַמאָל, אַט־די אוניפיקאַציע און סעגרעגאַציע־ אָפּעראַציע האָט עס געמאַכט מעגלעך די עקזיסטענץ פון אונדזער באַוואוסטזיין.

די זעלביקע מעטאָדאָלאָגיע דאַרף מען אָנווענדן כלפּי חוץ, אויף אַלע געביטן. די דאָזיקע אָנווענדונג באַדייט אַן אינטעראינדיווידואַליזירונג. און דאָס איז בלויז אַן אַנדער טערמין פאַר אנוכי יהוה אַלס אַ פילאָזאָפיע און אַ טעכניק, אַלס אַ טעאָריע און אַ פּראַקטיק. אינטעראידייעזאַציע איז אינטערסיסטעמאַטיזאַציע, דאָס רעדוצירן אַלע סיסטעמען, אַלע אויפפּאַסונגען צו דעם גרויסן אַלץ־ארומפּאַסנדיקן אמת פון איכטום, פון אנוכי־יהוה.

יעדער איינער וועט ווערן, — ווי געצוואונגען פון זיין אייגענעם איינגעבאָרענעם כוח פון שעפערישקייט, פון זיין אימאַנענטן דראַנג נאָך קרעאַציע, — אַ זעלבסט־דענקער, און ער וועט שאַפן זיין וועלט־בליק, זיין עגאָ־באַנעם אין פולער פּרייווילי־קער קאָאָפּעראַציע און צוגעשטימטער קאָאָרדינאַציע מיט אַלע מיטגלידער פון דער מענטשהייט. דאָס איז בלויז דער ערשטער טראָט דער צווייטער טראָט איז די קאָאָר־דינירונג מיט אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דעם קאָסמאָס: מיט די שטערן אין די הימלען; מיט די כוואַליעס אין דעם אָקעאַן; מיט די זעמדעלעך אויף די ברעגעס פון ים; מיט די שטויבעלעך אין דער לופט; מיט די ווינטן אין דער אַטמאָספער. מיר אַלע צוזאַמען וועלן פאָרמירן איין אנוכי־יהוה־באַנעם, איין אחד־אויפפּאַס פון מחשבה און הרגשה.

א סוף וועט נעמען צו דער מאַנאָפּאָליע פון דער מענטשהייט אויף דערקענטעניש!

איין איך וועט אַרומנעמען אַלע אביעקטן. אַלץ וואָס עקזיסטירט וועט זיך דער־ווערבן אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין.* זיי אַלע מיטן אידן, דעם איכיסט, אין דער שפּיץ, וועלן שאַפן איין פאַרבאַנד פון זעלבסטום. יעדע אַקציע, יעדע טואונג, יעדער פּראָצעס וועט ווערן באַשאָנקען מיט זעלבסט־געוואוירזיין, מיט אַן איך־באַוואוסטזיין. זיי אַלע וועלן בילדן איין אינטערפּערסאָנאַלע פּערזענלעכקייט. אינטעראידייעיזם וועט דער־גאַנצט ווערן מיט אַן אינטערעמאָציאָנאַליזם, אינטערסענסיזם. די קרעאַציע פון נייע

---

*) זע „אידישע שריפטן״ ערשטער יאָרגאַנג, העפט 2 זז. 21—119

סימפאַטיע־געפילן, וואָס וועלן ניט אויסלאָזן קיין איין קעגנשטאַנד, קיין איין ריר און שפיר, קיין איין פּראָצעס אין גאַנצן דאַזיין, וועט פאַרקומען דורך דער שעפערישער אַקציע פון אוניפיקאַציע פון די הרגשות, דורך זייער צוזאַמענשמעלצונג אין איין עגאָ־געפיל, אין איין יהוה־פּערצעפּציע, אין איין אנוכי־יהוה־דערקענטעניש און אידענטי־פיקאַציע, — אין איין גרויסן „ואהבת".

פאַרברעכנס אין דער געזעלשאַפט נעמען זיך פון די חסרונות, פון וועלכע עסליידט אונדזער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע. קרימינאַלע אַקטן, מיאוס׳ע טאַטן, שלעכטע האַנדלונגען, רציחה, פאַרצוקונג, קאַניבאַליזם, קעגנזייטיקע פאַרניכטונג, פאַרדאַרבונג, צעשטערונג, ערד־צעטרייסלונג, פאַרפלייצונג, ווינט־און־שטורם־בושע־וואונג נעמען זיך פון די פעלערן, פון וועלכע עס ליידט די ביאָלאָגישע, זאָאָלאָגישע און פיזישע, קאָסמישע, אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען אַ פּועל־יוצא פון דעם פאַרדריסלעכן מאַנגל אין עגאָ־אויפפּאַס און קוצר המשיג פון אנוכי־יהוה־דערקענטעניש.

אַ יהוה־מענטש, אַן איש־אלהים, אַ מענטש מיט אַ נאָרמאַלער פאַרשטענדעניש און וויגעהעריקער שפּירעניש, קען ניט באַגיין קיין פאַרברעכן, פונקט ווי ער וואָלט ניט באַגיין קיין זעלבסט־מאָרד, וואָלט זיך ניט פאַרנעמען מיט זעלבסט־פּייניקונג, זעלבסט־ראַבירונג, זעלבסט־צולהכעיס־טאָן, סיידן ער וואָלט זיך געפונען אין אַן אַב־נאָרמאַלן צושטאַנד. חולשות, זינד, תאוות און אומגערעכטיקייטן זיינען אונטער דער ווערדע פון אַן עגאָסאָף, אַ יהוה־דערקענער. דאָס געזאָגטע איז אויך ריכטיק בנוגע אַלע אַנדערע באַשעפענישן, אַלע אָביעקטן, דעם טאָטאַלן סכום פון דערשיינונגען און פּראָצעסן. אויף דער שטופע פון יהוה־דערקענטעניש וועלן זיי ניט באַגיין קיינע אַקטן, וועלכע פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפּונקט קענען באַטראַכט ווערן ווי אומעטישע. „און די עוולה וועט צומאַכן איר מויל, און די גאַנצע רשעות וועט פאַרגיין ווי רויך. (ד) אַלע טייכן לויפן צום ים, און אַלע שפּירונגען און אַלע רעגונגען פאַלן אַריין און ווערן דערטרונקען אין דעם אָקעאַן פון אנוכי־יהוה. אַ אוניווערסאַלע צענטריפּעטאַליטעט וועט אַדורכנעמען די גאַנצע עקזיסטענץ, אַלע וועלטן פון בכוח און בפועל, אַלע מדרגות פון קרעאַציע. * עס איז פאַראַן בלויז איין אנוכי־יהוה פון אָנפאַנגלעכן אָנ־הויב ביז׳ן ענדלאָזן ענד פון מעגלעכקייט און דענקלעכקייט. דאָס גרעזעלע אויף דער ערד, דער שטערן אין הימל, דער פאַרשטאַנד פון גאון זיי זיינען אַלע מיטגלידער פון דער גרויסער אַקאַדעמיע פון פיזיק און מעטאַפיזיק, זיי זיינען באַשטאַנדטיילן פון איין אינטעראידייע, פון אנוכי־יהוה. דער קלאַפּ פון הארצן, דער פאַל און זעץ פון אַ שטיין, די ערופּציע פון אַ ווולקאַן, זיי זיינען אַלע חלקים פון איין גאַנצער אינטערפּער־צעפּציע.

---

*) אידישע שריפטן" ערשטער יאָרגאַנג העפט 2 זז. 129.

וואָס אויראָפּע און די גאַנצע אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע דאַרף איצט האָבן, נויטיק ווי דאָס לעבן, נויטיק ווי ליכט פאַר די אויגן, נויטיק ווי אָטעם פאַר די נאָז־לעכער, איז אַן אמת׳ן רענעסאַנס. ניט אַ ווידערגעבורט פון פּאַגאַניזם, נייערט אַן אויפלעבונג פון אידישקייט, פון אידישער נבואה, אַ צוריקקער צו די ריינע קוואַלן פון דער ביבל, פון תורת משה.

וואָס פאַר אַן אַראָפּזינק עס ווערט רעגיסטרירט אין אונדזער צייט! נאָך דעם אוניווערסאַליזם פון ישעיה הנביא צום קאַניבאַליסטישן נאַציאָנאַליזם פון אַ היט־לערן! ווילדער באַרבאַרישער שאָוויניזם צעשפּליטערט די מענטשהייט אויף פּיצלעך און ברעקלעך, וואָס רייסן זיך און בייסן זיך אַרום צווישן זיך ערגער פון הינט, פון משוגע׳נע הינט. עגאָסאָפיע לערנט אַז אַלע מענטשן־קינדער און פעלקער־ראַסן זייַנען איין מענטש. עס איז פאַראַן איין גוף און איין נשמה, איין וועלט פון אַלע וועלטן. אַלע זיינען פאַראייניקט אין אנוכי־יהוה, אין דעם אין־סוף, אין דעם „אין־עוד״. ניט אידנטום און ניט קריסטנטום קענען אָנערקענען דעם באַרבאַרישן שאָוויניזם, דעם מענטשנפרעסערישן פּאַטריאָטיזם, דעם חיה־רעה׳שן ראַסן־קולט. ער איז אויסגע־וואַקסן ווי א סם־המות׳דיק געוויקס אויף דעם מיזמאַטישן באָדן פון מלחמות, קריגע־רייען, רייסערייען, שפיכת דמים. ער איז אַ טריפה׳נער קינד פון דעם זיווג פון סמאל׳ן מיט לילית׳ן, דעם שד פון צעשפּליטערונג און דער טייוועליכע פון קנאה־שנאה. דער שאָוויניסטישער שטאַנדפּונקט איז דער רעאַקציאָנערסטער באַנעם פון מענטש און וועלט. דאָס איז די לערע פון טויט און פאַרניכטונג, דער שטן צו וועלכן עס דינען אַלע מיליטאַריסטן, אַלע רוצחים, גזלנים אויף אַ קלענערן אָדער גרעסערן, אָדער גאָר גרויסן מאַסשטאַב.

אידישקייט לויט איר סיסטעם דאַרף אייך פרעגן וועגן אייערע איבערצייגונגען, אין וואָס איר גלויבט, וואָס איר אָנערקענט, וואָס זיינען אייערע מעשים, וואָס איז אייער קרעדאָ, וואָס איז אייער אויפפיר. זי דאַרף אייך ניט און קען אייך ניט פרעגן, ווער זיינען אייער טאַטע־מאַמע, אייער זיידע־באָבע, עלטער־זיידע און עלטער־באָבע.

„און איך וועל זיי געבן אין מיין הויז און אין מיינע מויערן אַן אָנהאַלט און אַ נאָמען אַ בעסערן ווי צו מיינע זין און טעכטער, אַ נאָמען אויף אייביק, וואָס וועט ניט פאַרשניטן ווערן. און די קינדער פון די פרעמדע פעלקער, וואָס וועלן צושטיין צו יהוה אים צו באַדינען און צו ליבן דעם נאָמען פון יהוה... וועל איך זיי ברענגען צו מיין הייליקן באַרג, און איך וועל זיי דערפרייען אין מיין געבעט־הויז... וואָרעם מיין הויז וועט הייסן דאָס געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער״. (ה)

אידישקייט באַזירט זיך אויף דעם פּרינציפּ פון אנוכי־יהוה, און דער איך בזעיר־אנפּין, דער זעלבסט אין מיניאַטור, איז אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, פאַר זיינע אַקציעס. דער יחיד עפנט אַליין אויף זיין ספר־החשבונות און פירט

זיין אייגענע בוכהאַלטעריע. זיין שטרעבן און גאַרן באַשטייט אין דעם, וואָס ער וויל, מוז און וועט, אַריבערשפּרייזן דעם מרחק וואָס טיילט אָפּ דעם איך בזעיר־אנפּין פון דעם איך באריך־אנפּין. ער וועט ווערן אַ פולקומענער איך, אַן אנוכי־יהוה.

די ראַסן־לערע, די בלוט־דאַרשטיקע דאָקטרין, די מענטשנפּיינטלעכע אָפּ־שטאַם־תורה איז געבויט אויף אַבסאָלוטער פּרעדעטערמינאַציע, פּרעדעסטינאַציע. דעם מענטשנס שיקזאַל איז אָנגעצייכנט נאָך פון פאַר־זיין געבוירן־ווערן. זיין מערכה איז פאַרויסבאַשטימט און אָפּגע׳חתמ׳עט. ער האָט קיין ברירה ניט. ער האָט קיין בחירה ניט. די אָפּשטאַם־לערע אָנערקענט ניט קיין באַקערונג, קיין איבערצייגונג, באַ־ווייזונג, אינטעלעקטועלע אָנהענגערשאַפט, זעלבסט־באַשטימונג פון דער יחידישער פּערזאָן.

אידישקייט, אין קעגנזאַץ, האָט געגלויבט און גלויבט אין פּראָזעליטיזם, אין דער מעגלעכקייט צו אַפּעלירן צום מענטשלעכן פאַרשטאַנד, צום מענטשלעכן שכל, ניט צו זיין בלוט־פאַרוואַנדשאַפט.

„׳און דו ועסט ליב האָבן יהוה ׳דיין אלהים׳... מאַך אים באַליבט אויף אַלע באַשעפענישן, ווי אברהם אבינו האָט געטאָן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ׳און די זעל וואָס זיי האָבן געמאַכט אין חרן׳ (בראשית, י״ב, ה׳). ס׳טייטש, ווען עס וואָלטן זיך פאַרזאַמלן אַלע מענטשן וואָס אויף דער וועלט און זיי וואָלטן ווען באַשאַפן אײן קאָמאַר און אַריינגעבן אין אים אַ לעבעדיקן אטעם, וואָלטן זיי ניט קענען, איז צו וואָס זאָגט ער עפּעס ׳און די זעל וואָס זיי האָבן געמאַכט אין חרן? אלא וואָס דען, ער לערנט אונדז, אַז אַברהם אבינו האָט זיי מגייר־געווען און האָט זיי אַרונטערגעבראַכט אונטער די פליגלען פון דער שכינה.״ ו׳).

אידישקייט האָט געגלויבט און גלויבט אין פּראָזעליטיזם אין נאָך אַ פיל ברייטערן זינען פון דעם וואָרט. אידישקייט איז זיכער, אַז זי וועט באַקערן די גאַנצע וועלט, ניט בלויז די גאַנצע מענטשהייט. דאָס קעניגרייך פון יהוה איז אַ זעלבסט־קע־ניגרייך און אָט־דער מלכות־שדי איז פאַר אַלעמען: פאַר די הרגשות, ווי פאַר די מחשבות; פאַר די קיזלשטיינער, ווי פאַר די שטערן; פאַר די פעלזנשטיינער אויף דער יבשה, ווי פאַר די כוואַליעס אויפן ים; פאַר די חיות און בהמות, ווי פאַר די מענטשנקינדער.

און דאָס איז דער מאָטיוו פון די הללויה׳ס:

„לויבט דעם איך... לויבט אים, זון און לבנה; לויבט אים אַלע ליכט־שטערן... לויבט יהוה פון דער ערד, וואַלפישן און אָפּגרונטן, פייער און האָגל, שניי און דאַמף, שטורם־ווינט טוט זיין באַפעל; די בערג און די טאָלן, פּרוכט־בוים און אַלע צעדערן; חיות און אַלע בהמות, קריכענדיקער ווארים און פליגלדיקער פויגל; קעניגן פון דער

וועלט און אַלע פעלקער, האַרן און אַלע ריכטער פון דער וועלט, בחורים און מיידלעך, אַלטע לייט און קינדער וועלן לויבן דעם נאָמען פון יהוה". (ז)

אַלע קעגנשטאַנדן וועלן ווערן גלייך ווי די מענטשנקינדער און זיי אַלע וועלן זיך צוזאַמענגיסן אין איין כאָר פון לויב און געזאַנג צום איך, דעם יה פון די וועלטן, צום „אני־יהוה־ואין עוד" (ח) פון גאַנצן דאַזיין. אַלצמיטאַנאַנדער וועט ווערן זעלבסט־באַוואוסטזיניק און וועט דערקענען יהוה, דעם אנוכי: בוימער, שניי, האָגל אַזוי גוט ווי אַלטע און יונגע לייט. אנוכי־יהוה פּראָקלאַמירט אייביקן פרידן פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם, דעם ווינט־שטורם אַריינגערעכנט. ער פאַראייניקט אַלעמען, ער מאַכט שלום צווישן אַלע אָביעקטן און אַלע פּראָצעסן, צווישן בוים און ווינט, פייער און וואַסער. ער מאַכט פון זיי בוכשטאַבן, איינצלנע אותיות אין זיין בוך פון לעבן און שטערבן, אין דעם בוך פון יה. הללויה!

ווען דער מענטש וועט אויסוואַקסן און אַראָפּוואַרפן זיין חיה'שע פעל, וועט בייקומען זיין בעל־חיה'ישקייט, וועט ער פּטור ווערן פון דער קורצזיכטיקער השגה, אַז זיין איך, זיין זעלבסט ענדיקט זיך דאָרט, וואו זיין לייב און ביינער לאָזן זיך אויס. דער איך פון דעם איינצעלנעם מענטשן איז דער גרויסער אחד, וועלכער דרינגט אַדורך אַלע תחומים פון עבר און עתיד און דערגרייכט פון אין־סוף ביז'ן אין־סוף. ווען דער מענטש וועט עס נעמען באַגרייפן און מער ווי באַגרייפן, עס פילן בחוש, — דע־מאָלט וועט צייט און אָרט, אייביקייט און אומענדלעכקייט איינבויגן דעם קאָפּ און אי־בערבויגן די קני פאַר אים, אָט־דעם נעבאַך מענטש, דעם מלך־אביון, דעם בזוי ומבוזה, דעם פאַרהאַסטן־פאַראַכטעטן מוקצה־מחמת־מיאוס־וועזן. אָט־דער שטיקל מענטש, דער פּחדן, וואָס שרעקט זיך פאַר אַ קאַלטן טרונק וואַסער, פאַר אַ קילן ווינטל, פאַר אַ צוג, פאַר אַ רעגן, פאַר אַ היפּשער צאָל טראָפּנס וואָס רופן זיך ים, פאַר אַ פּאָר פונקען, וואָס רופן זיך פלאַם־פייער, פאַר אַ ליאַדע וועלכן מיקראָ־אָרגאַניזם, אָט־דער זעלביקער טויגעניכטס, אָדער פאַסקודנער נפש'ל וועט ווערן אַ פּערזענלעכקייט אין פולן פּשט פון וואָרט, אַן אנוכי יהוה, אַן „אני יהוה ואין עוד".

ער וועט עס ווערן, מחמת ער איז עס שוין דאָ אויפן אָרט און גלייך איצט, אין דער אותו רגע. דער מענטש איז דער מלך מלכי המלכים, דער האַר און געוועלטי־קער איבער אַלע וועלטן. ער, מיט זיין איך־באַוואוסטזיין, האָט זיי אַרויסגערופן פון דער טיפעניש פון גאָרנישט. ער האָט זיי עטאַבלירט אויף גאָרניט און האָט זיי באַ־פעלן צו בלייבן שטיין אַזוי אויף דורי־דורות, אויף דעם לעולם ועד, און געהאָרכן דעם געזעץ פון זעלבסטום. ער האָט זיך זעלבסט־באַשטימט און פעסט־געשטעלט זיין איי־גענעם זעלבסטום, דעם זעלבסטום־זעלבסט, דעם זעלבסט־באַגלויבטזיין און זעלבסט־באַוואוסטזיין, זיין איכטום. ישועה און גאולה איז אין זיין אָטעם, אין זיין ווילן, אין זיין געדאַנק מכוח ישועה און גאולה. אַלץ וואָס ער דאַרף טאָן איז זיך אומקערן צו

זיך, צו זיין אייגן זיך, אַריינקוקן אין זיין אינעווייניקייט און זיך דערקענען, זיך אָפּ־שאַצן, דערקענען זיין גדלות, זיין מלכות.

איך איז אנוכי־יהוה, און אנוכי׳ס ווילן, מיין איך׳ס באַגער און פאַרלאַנג, מיין טרוים און שטרעב איז אַנגעשריבן אין די הימלן מיט די בלישטשענדיקע פונקען, וועלכע רופן זיך שטערן. מיין איכ׳ס רצון, מיין ווילן און וואונטש איז אַריינגעקריצט אין די טיפענישן מיט אַלע ווידמענדיקע באַשעפענישן, וואלפישן, קראָקאָדילן, ים־לייבן און וועלף. מיין געלוסט און סוגעסטיע איז אַנגעצייכנט אויף דעם בלוילעכן טאַפּל פון דער לופט מיט אותיות־פויגעלעך, וועלכע זעצן זיך אויס אויף צווייגן פון בוימער און צעזינגען זיך, צעגיסן זיך אין זיסע, האָניק־זיסע, יאסמין־דופטנדיקע הללויה׳ס. און אין דעם אייגענעם קיים איז אַריינגעשריבן מיין הארטנאַקנדיקייט, מיין עקשנות מיט בוכשטאַבן שטייפע און אומבויגזאַמע, דאָס זיינען די פעלזנשטיינער אין די וויסטענישן. אַלע געדאַנקען מיינע, אַלע שפּירונגען, געפילן און צוגעבונדנקייטן זיי־נען פאַרקערפּערט אין דער גרויסער אויסערלעכער וועלט. מיין דאַרשט איז דער מדבר. מיין אָפּזאָגן זיך פון זיך, מיין פאַרלייקענען זיך, מיין אָפּוואַרפן זיך, מיין זעלבסט־דע־טראַנירונג, מיין רעזיגנאַציע דאָס איז דאָס מיזעראַבל שטיקל נפשל וואָס הייסט מענטשנקינד...

די מאַנאַפעסטיזירונג פון מענטשן איז די אויסלייזונג פון דער וועלט. מחמת די וועלט אין איר איצטיקער געשטאַלטיקונג איז בלויז אונדזער אָפּשפּיגלונג. די וועלט איז מיר. מיר פאַרמאָגן אַזאַ וועלט וועלכע מיר זיינען ווערט צו פאַרמאָגן, וועל־כע מיר זיינען ראוי צו האָבן, וועלכע מיר פאַרדינען צו האָבן. * אונדזערע קללות, אונדזער קנאה־שנאה, אונדזערע שקרים, מיסמאַדעלירן דעם באַשטאַנד, מיספורעמען דעם קאָסמאָס, רופן אַרויס די דעסטרוקטיווע כוחות, די מגפות און פעסטן, וואָס פאַר־דאַרבן אונדזער לעבן און גראָבן אונטער די יסודות פון פערפעקטן קיים. פון יעדער ברכה, פון יעדן סימפּאַטישן געפיל, פון יעטווידער מאָראַלישער אַקציע ווערט באַ־שאַפן אַ פּאָזיטיווער כוח, אַ גוטער מלאך, און פון יעדן פלוך און יעדן געפיל פון פיינטשאַפט, פון יעדער אימאָראַלישער טואונג ווערט געשאַפן אַ נעגאַטיווע ענערגיע, אַ „שד", אַ צעשטערנדיקע קראַפט, וואָס טוט אָן שאָדן דעם מענטשן, דער געזעלשאַפט און דעם גאַנצן קאָסמאָס.

„נו, קום און זע וואָס עס שטייט געשריבן אין זהר פרשה ׳בראשית׳... סמאל, וואָס הייסט ׳דער מענטש פון די פאַרקערטקייטן און ליגנערישער צונג׳, איז זיך מתגבר און טויכט אַרויף פון טיפן אָפּגרונט... ער נעמט די פאַלשע רייד און מאַכט פון זיי אַ פאַלשן הימל, וועלכער ווערט אָנגערופן ׳פאַרמלאָזיקייט און פאַלשקייט׳, און

*) אבא גאָרדין, מאָראַל אין אידישן לעבן ז. 184.

אין אָט־דעם הימל שוועבט דער ׳מענטש פון די פאַרקערטקייטן׳ זעקס טויזנט מייל אין איין צוג; און די הור־פרוי, לילית, די מרשעת קומט אויך אַנטקעגן די פאַלשע רייד און זי שטאַרקט זיך אויך אין דעם הימל, און מיט איר באַהעפטן זיך טויזענטער און צענד־ליק טויזנטער מחבלים און אין דעם הימל שוועבן זיי אדורך די גאַנצע וועלט אין איין רגע, און די חיילות פון די מזיקין קליידן זיך אָן און פאַלן אָן אויף די רשעים און מאַכן אַ גרויסע הריגה״. (ט)

„און דעם כלל זאָלסטו האַלטן אַז איטלעכע גוטע טראַכטונג און וואוילע מחשבה האָט אַ השפעה און וועקט אויף די ליכטיקייט פון דער אויבערשטער הייליקייט; און אפשיטא שוין יעדער גוטער וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגערעדט״. (י) „עס איז ידוע, אַז די שכינה וויל נאָר גוטס טאָן צו אַלע מענטשן, אָבער דורך דער זינד, וואָס דער מענטש טוט, טוט ער זיך אָן צרות. דעריבער רופט מען עס ׳גלות השכינה׳״. (י״א) שלעכטע מעשים זיינען גורם דערצו אַז די שכינה זאָל זיך געפינען אין פאַר־וואָגלעניש.

דאָס פאַלשע פאַרשטיין פון זעלבסט האָט באַשאַפן דיסטאַנץ, מרחק, ווייטקייט. מיר באַקעמפן דעם מרחק מיט מעכאַנישע מיטלען, און מיר קענען אים ניט גובר זיין, מיר קענען ניט דערגרייכן אונדזער ציל: סעפּאַראַטיזם איז א רשעות, אַן עבירה, אָפּ־געטיילטקייט איז אַן אָנשיקעניש. די צרה מיט אונדז איז דאָס וואָס מיר זיינען חכמים צו טאָן שלעכטס, אָבער ניט קיין גוטס. אין שלעכטס־טאָן ווייזן מיר אַרויס גרויס קענ־טעניש און אָן אַ שיעור חכמה. אין גוטס־טאָן זיינען מיר ווי אומבאַהאָלפן. און אין דעם ליגט אונדזער שטראָף. מיר קריגן זיך אַרום, שרייען, געוואַלדעווען, — און וויל־דע שטורמס, ווי אונדזערע ווילדע תאוות פון קנאה־שנאה, רייסן זיך אַראָפּ פון די קייטן און באַפאַלן אונדזערע שיפן, אונדזערע ים־ברעגעס און מאַכן חרוב גאַנצע קע־גנטן, ברענגען אום גיטער, בהמות און מענטשן. מיר שאַפן און פלעגן די דיסהאַר־מאניעס, שטירדעס אין אונדז, און די אייגענע שטירדעס און צולהכעיס־טועונישן צייגן זיך אַרויס אין דער סביבה וואָס אַרום אונדז, סיי אין דער געזעלשאַפט און סיי אין דער וועלט. עס איז צייט צו באַגרייפן אַז עס איז ניט פאַראַן אַזאַ פלאַץ וואָס איז באמת „מחוץ״ פון אונדז. אַזוי ווי כעס האָט אַ ווירקונג אויף דער צירקולאַציע פון אונדזער בלוט אין קערפּער, אַזוי האָט דער קאָלעקטיווער כעס, דער אקומולירטער צאָרן, אַן עפעקט אויף דער צירקולאַציע פון דעם אטמאָספערע־בלוט, פון די „עטער״־כוואַליעס. געוויטערס צעבושעווען זיך, אוראַגאַנען צעיוכענען זיך, עס ברענט אין זיי אַ רציחה. זייער רציחה איז אונדזער רציחה, זייער חימה און רוגזא איז אונדזער חימה און רוגזא.

אויף דעם שוועל פון אנוכי־יהוה פאַרשווינדט אַלדאָס בייז. דער גרויסער

פאזיטיוו, דער יה, וואָס איז דער באַיאָער, ריכט אויף זיין קעניגרייך, עטאַבלירט זיין זעלבסט־הערשאַפט.

„און אַז דו ווענסט זיך אומקערן ביז צו יהוה... וועט יהוה דיך אומקערן פון דיין געפאַנגענשאַפט און וועט זיך איבער דיר דערבאַרימען". (י״ב)

ווען איך וועל קומען צו מיין אייגן זעלבסט, ווען איך וועל זיך אומקערן פון אַלע מיינע בלאָנדזשענישן, אין דעם מאָמענט, וועט אנוכי־יהוה זיך אַנטפּלעקן אין זיין גאַנצער פּראַכט, אין זיין גאַנצער גדולה און גבורה. מיליאָנען זונען וועט ער אויפ־הענגען אין הימל פון אויבן און מיט מיליאַרדן סאַפירשטיינער וועט ער אויספּלאַס־טערן די ערד פון אונטן אנשטאט די חיות־רעות־געפילן, די רויב־טירן עמאָציעס, וואָס לויערן בלוט־דאָרשטיקערהייט אין די וועלדער פון אונדזערע הערצער, וועלן מיר באַזעצן דאָרטן מלאכים, וואָס זיינען ממונה אויף ליבע און פריינדשאַפט. און רחמנות־שוועסטער־הרגשות וועלן וואַקסן אין אונדזערע זעלן־טראָפּיקס אַנשטאָט די סקאָרפּיאָנען און טאַראַנטולן וואָס ווידמען זיך דאָרטן היינט צוטאָג. אנוכי־יהוה איז דער בורא און יוצר פון דעם גאַנצן פולן באַשטאַנד.

אנוכי יהוה איז דער אָנהויב און סוף פון אונדזער קלוגשאַפט. ער איז אונדזער אויסלייזונג, די גאולה וישועה פון דעם מענטשן און פון דער גאָרער וועלט.

ב.
דער נייער באַשאַף

אַן אידעאַליסטישער וועלט־באַנעם איז מער ווי אַן אַבסטראַקט־פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע. ער דאַרף אויסאיבן אַ ווירקונג אין אַלע צווייגן פון מענטשלעכן אָנ־שטרענג, דערפאַרונג און, איבערהויפּט, אויפפירונג. עס איז באמת מאָדנע וואָס פּי־לאָזאָפיע באַאיינפלוסט דעם אויראָפּעאישן מענטשן אַזוי ווייניק. זי האָט כמעט גאָר קיין דעה ניט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין דער פירונג פון זיינע געשעפטן, אין דער שטעלונג וואָס ער נעמט פּראַקטיש צו די קעגנשטאַנדן פון דער אויסערלעכער וועלט. מעטאַפיזיק ביי דעם אויפגעקלערטן איז מער ניט, אין ס'רוב פאַלן, ווי אַ מוח־זאַך, אַן אינטעלעקטועלער ענין, אַ ספּעקולאַטיווע אונטערנעמונג, וואָס באַגרעניצט זיך מיט די פיר איילן פון שטודיא־צימער. אַמאָל טרעפט אַז זי גייט אַפילו ניט אַראָפּ פון זייטל פון בוך, גייט ניט אַרויס פון פילאָזאָפישן טראַקטאַט, וואו מ'האַלט זי פאַר־שפּאַרט און פאַרקאַרצערט. פון דעם נעמט זיך טאַקע די ביטול־באַציאונג פון דעם פּראַקטישן מענטשן, פון דעם איש־המעשה, דעם אויפטוער אויפן געביט פון עקאָנאָ־מיק, פּאָליטיק א. א., צו דער קאָפּברעכנדיקער דיסציפּלין, וואָס הייסט פילאָזאָפיע.

מע דאַרף, אָבער, תופס־זיין, אַז אַ פילאָזאָפישע שיטה איז מער ווי סתם קונצי־קע איבונגען אין אינטעלעקטואַליסטיק, געשיקטע מאַנעוורעס אויפן פעלד פון

מוח׳ונג. אַ פילאָזאָפישע וועלט־אויפפאַסונג איז אַ מורה־דרך דורך דעם לאַבירינט פון לעבן.

„די וועלט איז מיין איך־פאַרשטעלונג, די פּראָיעקציע פון מיין קערפּער״, ווען אָט־דער סענטענץ ווערט אַקצעפּטירט און אַפּליצירט, וואָלט ער געדאַרפט אַרויס־רופן אַ גאַנץ־גרינטלעכע רעוואָלוציע אין דער וויסנשאַפט, אין קונסט און אַפילו אין די מלאכות. אויב די וועלט איז, אין תוך גענומען, אַ פסיכישער מהות, אַ לאָגישער טעזיס, דעמאָלט דאַרף זי באַהאַנדלט ווערן אויף אַן עפּיסטעמאָלאָגישן פּיסטאָלאָגישן אופן, אויף אַ געוויסן גלויבעניש־דערקענטניש שטייגער. מעטאַפיזישע ענינים, ווען מ׳נעמט זיי ערנסט, זיינען גאָר ניט קיין אינטעלעקט־שפּילכל. מע דאַרף זיי שטעלן איבער די מאַטעריעלע קעגנשטאַנדן.

אַ גלויביקער פון אַלטן גרונטאָוונעם דרך, אַ פונדאַמענטאַליסט, פלייסט זיך מיט כל־הכוחות צו זען און אויסאיבן אַ השפעה אויף דער דרויסנדיקער סביבה, דער־הויבן זי און באַצווינגען זי — דורך גייסטיקע, הייך־גייסטיקע מיטלען, „וואָרעם די ערנסטע דערוואָרטונג פון דעם באַשאַף טוט וואַרטן אויף דער אַנטפּלעקונג פון די קינ־דער פון גאָט. מחמת דער באַשאַף איז אונטערטעניק געוואָרן דער נישטיקייט, נישט פון זיין אייגענעם ווילן, נייערט דורך אים, וואָס האָט אים אונטערטעניק געמאַכט אין האָפענונג, אַז דער באַשאַף אַליין וועט אויך באַפרייט ווערן פון דער קנעכטשאַפט פון פאַרדאַרבונג צו דער פרייהייט פון דער הערלעכקייט פון די קינדער פון גאָט. וואָ־רעם מיר ווייסן, אַז דער גאַנצער באַשאַף אינאיינעם טוט זיפצן און וויטיקן אין פּיין ביז אַצונד״. (י״ג). אָט־די אויפגאַבע פון מתקן־זיין דעם ערשטן חטא, אויפריכטן דעם קאָסמאָס פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ סיי אין קבלה און סיי אין דער עבודה. תפילה און עבודת־הבורא זיינען רעליגיאָ־טעכנישע מיטלען מיט דער הילף פון וועלכע דער אינדיווידועלער בעטער אַזוי גוט ווי די קאָנגרעגאַציע אַלס אַ גאַנצע פּרובירן צו טראַנספאָרמירן די פיזישע, פסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע סביבה.

אַ מעטאַפיזיקער אין ריכטיקן מיין פון וואָרט דאַרף זיך איינשאַפן אַ מעטאַפי־זישע טעכנאָלאָגיע, אויסאַרבעטן, אַנטדעקן אָדער דערפינדן, אַ פּראַקטישע מעטאָדאָ־לאָגיע. אויב עס איז אמת אַז די וועלט איז אַן עגאָסאָפישע קאָנצעפּציע, דעמאָלט דאַרף מען זיך ווענדן צו פּיסטאָלאָגיע און עפּיסטעמאָלאָגיע און זיי באַאויפטראָגן איבערצו־פורעמען און איבערמאָדעלירן דעם גאַנצן איינשטעל פון קאָסמישע דערשיינונגען און געשיכטלעכע געשעענישן. אָבער דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן מחוץ פון תחום פון רעליגיעזער אויפפאַסונג. און מהאי טעמא איז לייכט צו פאַרשטיין פאַרוואָס דייטש־לאַנד, מיט איר מזל־ברכה אויף פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואַלגערט זיך, אויף צו־להכעיס איר הייך דרגא׳דיקער פילאָזאָפישער קולטור, אין ברוד, אין שמוץ, פאַרדאַר־בנקייט און בעסטיאַליטעט. דאָס איז דערפאַר וואָס כמעט קיינער האָט ניט פּרובירט

צו ציען געזעלשאַפטלעך־אויפפירערישע פּראַקטישע מסקנות פון די דערהויבענע פי־לאָזאָפישע הנחות. אין דעם פּרט איז דייטשלאַנד ניט קיין אויסנאַם, בלויז דאָרטן ציגט זיך עס אַרויס מיט גרעסערער האַמעטנעקייט. אויך די גריכן און די רוימער האָבן פאַרמאָגט פיל קלוגשאַפט אָנגעזאַמלט אין די שפּייכלערס פון זייערע חכמה־ווערק און חכמה־אינסטיטוציעס, אַקאַדעמיעס און ליצייען, אָבער זייער ווייניק קלוגשאַפט האָט מען באַגעגנט אין זייער לעבן, אין זייערע באַציאונגען צו זייערע מיטמענטשן, דער־עיקרשט ווען די לעצטע זיינען צו זייער אומגליק געווען שקלאַפן אָדער „באַרבאַרן” ד. ה. פרעמדע, און גאָר אַ סך נאַרישקייט האָט מען געקענט געפינען אין זייערע רייך־געצירטע פּאַלאַצן און פּראַכטפולע טעמפּלען. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע אונדזער צייט. די הייכע לערנונג און חכמה פון די אוניווערסיטעטן ווערט נייטראַליזירט, און, אפשר, גאָר אַריבערגעוואויגן, פון דער אומוויסנהייט און שטות׳עריי, וואָס הערשן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. די „שיינע” קונסט איז פאַרבאַהאַלטן בחדרי חדרים, אונטער וויט־רינעס, אין די מוזייען און גאַלערייעס. דאָס וויסן איז פאַרשטעקט אין די פאַרשטיקטע מיט ביכער־איבערגעפּאַקטע ביבליאָטעקן. ווען אַ טויזנטער חלק פון דער קלוגשאַפט און געלערזאַמקייט, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין קאָנגרעס־ביבליאָטעק, וואָלט זיך גע־פונען אין די געהירנס פון די קאָנגרעסלייט, וואָלטן די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע געווען די בעסט געפירטע מלוכה אין דער וועלט. זיי וואָלטן פאַר־ווירקלעכט פּלאַטאָנ׳ס חלום מכוח דער „רעפּובליק פון די פילאָזאָפן”.

אַ הונדערטער חלק פון דער פאַראַנענער באַאַרבעטער אידעאַליסטישער פי־לאָזאָפיע איז גענוג, ווען מ׳וואָלט זי אָנגעווענדט אין לעבן, אין יחידישן ווי אויך אין געזעלשאַפטלעכן אויפפיר, צו פאַראורזאַכן אַ ווידערגעבורט פון דער גאַנצער מענטשנראַסע, אַרויסצורופן אַן אויפלעב פון אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס און ברענ־גען אויסלייזונג צו דער שמאַכטנדיקער מענטשהייט.

אידעאַליזם וואַרט אויף זיין אויסלייזער, אויף דעם אויטאָ־רעליגיעזן דענקער עגאַסאָף וואָס וועט קומען און אים אַרויסנעמען פון די ענגע ראַמען פון פילאָזאָפישער חקירה און אים פאַרשפּרייטן צווישן „די מענטשן פון אַ גאַנצער וואָך”, פאַרזייען זיינע פּרוכטבאַרע קערנער אויף די פעלדער פון ממשות׳דיקן לעבן. הן פון יחידים און הן פון פעלקער.

עגאָסאָפיע לערנט אַז די וועלט, דער גאַנצער באַשטאַנד איז אַ זעלבסט־באַשאַף, ער איז באַשאַפן פון זעלבסטום, פון דער איכהייט. עגאָסאָפיע דערלאָזט ניט דעם רעיון אַז עס איז פאַראַן אַ דואַליזם, אַ צוויאיקייט, אַ צעשפּאַלטנקייט, אַ חוץ און אַ פּנים, אַן אויסערלעכע דערפאַרונג און אַן אינערלעכע. „אני יהוה ואין עוד”. אויסער דעם אני, דער איכהייט וועלכע איז דער יהוה, אַן איכערהייט־זיכערהייט. אויסער דער שטענדיקער אומעטומיקער זעלבסטהייט איז קיין זאַך און קיין זיך ניט פאַראַן.

דער באַשאַף, דער באַשטאַנד איז אַ סיסטעם פון זיכהייט־זעלבסטהייט, זאַכן זיינען, טיפער גענומען, זיכן. דער קאָסמאָס איז אַ זעלבסט, אַ זעלבסט־אורזאַך און זעלבסט־צוועק, אַ זעלבסט־אָנהויב און זעלבסט־סוף, „אני הוא, אני ראשון, אף אני אחרון" (י"ד).

אַרום דער אידייע פון מיקרא־עגא, קליין־איך, האָט זיך זעלבסט־פּאָרמירט אַ קערפּער פון פלייש און בלוט, וועלכער איז אַ רעאַליטעט, אַ מאַסע פון פילונגען, שפּי־רונגען וואָס זיינען, אויף זייער חשבון, ניט מער ווי אַ געזעמל פון געדאַנקען, וועלכע ווערן אָפט איבערגע'חזר'ט, רעפּעטירט. די וועלט איז דער קערפּער וואָס האָט זיך פּאָרמירט אַרום דעם מאַקראָ־עגא, דעם גרויס־איך. דער וואוקס און אויסקריסטאַלי־זירונג פון דער זעלבסטהייט איז דער וואוקס פון דער וועלט, מחמת עס איז ניט פּאַראַן קיין וועלט אויסער דעם זעלבסטום אַלס אַ פּרינציפּ.

די וועלט איז מיין איכישע פּאָרשטעלונג ד. ה. מיין פּערזענלעכע קערפּערלע־בע פּראָיעקציע; ווי „גאָט" איז מיין איכישע פּאָרשטעלונג, ד. ה. מיין פּערזענלעכע זעלישע פּראָיעקציע.

מיין זעלבסטהייט האַלט כסדר אין איין ווערן, אין איין אַנטשטיין. אַרום מיין זעלבסט איז אָנגעצייכנט אַ קליינער צירקל, עס איז אויפגעבויט אַ מין שטיבעלע, וואָס הייסט „קערפּער", וועלכן איך קאָנטראָליר, וועלכער פירט זיך אויף לויט אַ באַ־שטימטער קאָנסטיטוציע. דאָס וואָס איך טו מיט מיין קליינעם קערפּער, וועט אין דער גאָר ווייטער צוקונפט געטאָן ווערן פון מיר בנוגע דעם גרויסן קערפּער, דער וועלט. מחמת די וועלט איז באַשאַפן פון זעלבסט, פון זיך אַליין. די וועלט איז מיין איכישע פּאָרשטעלונג, און זי דאַרף געפירט ווערן פון מיר. מיין קערפּער איז מער ניט ווי אַ צוגרייטונגס־באָדן, וואו איך לערן זיך די גרויסע קונסט פון זעלבסט־קאָנ־טראָל, פון זעלבסט־דיסציפּלין. אויף אַ פּראַקטישן וועג לערנען מיר זיך אויס צו לייטן און פירן דעם קליינינטשקן חלק'ל פון דער וועלט, וואָס הייסט אונדזער גוף. צום אָנהויב קומט די אויטאָ־אָרגאַניזאַציע פון אונדזער קערפּער, דערנאָך די אויטאָ־אָר־גאַניזאַציע פון אונדזער געמיינדע, שטאָט, פאָלק, נאַציאָן, מענטשהייט, פון אַלע סאָ־ציאַלע פאַקטאָרן און כוחות, און צום סוף וועט קומען די זעלבסט־באַהערשונג פון דער וועלט. דער וועג פירט פון דעם מענטשלעכן קערפּער צו דעם קאָסמאָס דורך דער מענטשהייט. אויטאָ־אָרגאַניזאַציע איז אויטאָ־עמאַנציפּאַציע, זעלבסט־דערלייזונג. עס באַטייט דאָס אייגענע וואָס עגאָטיזאַציע, איכיזירונג פון מענטשן, מענטשהייט און קאָסמאָס. אַלע צוויסטונגען פון־אינעווייניק דאַרפן אויפהערן, דאַרפן איינגעשטילט ווערן. מענטש דאַרף ווערן איין איינקייט, איין גוט־קאָאָרדינירטע גאַנצקייט. אַלע כוונות, געדאַנקען און באַשטרעבונגען פון יחיד דאַרפן זיך קאָנצענטרירן אויף איין פּונקט און דאָס איז דערגרייכן צו דער מדרגה פון אַ פולשטענדיקער איכהייט, פון

אַן אני־יהוה. נאָכדעם ווי דער מענטש וועט פאַרווירקלעכן זיין זעלבסט־שטענדיקייט, וועט קומען צו זיך, צו זיין זיכטום, וועט זיך סאָלידאריזירן מיט דער גרעסערער געזעלשאַפט, וועט זיך אידענטיפיצירן מיט דער גאַנצער מענטשהייט, דעמאָלט וועט ער זוכה זיין זיך צו דערקלערן פאַר דעם באַהערשער און באַצווינגער פון דער גאַנצער וועלט, ער וועט מקיים זיין דעם אָנזאָג פון „וכבשוה“. (ט״ו)

די עקאָנאָמיק דאַרף ווערן אַ קאָסמאָ־עקאָנאָמיק, אַן אַלוועלטלעכע ווירטשאַפט, די פּאָליטיק אַ קאָסמאָפּאָליטיק. דער וואוקס פון אָרגאַניזאַציע איז אַ פּועל־יוצא פון דעם וואוקס פון סאָלידאַריטעט. דער פאַנאַנדערבלי און פאַנאַנדערוואוקס פון סאָלידאַריטעט איז אַ רעזולטאַט פון זעלבסטהייט. עס זיינען פאַראַן פילע שטופן, טרעפלעך וואָס פירן אַרויף צו דער פולמאָסיקער עגאָאיזאַציע פון יחיד, ציבור און קאָסמאָס. פולע עגאָאיזאַציע איז פולקומענע פערסאָניפיקאַציע. איר מעטאָד איז אינטעראינדיווידואַליזאַציע. אוניפיקאַציע קען דערגרייכט ווערן אויפן חשבון פון די באַשטאַנדטיילן דורך מקריב־זיין זייער אומאָפּהענגיקייט, אָבער צו דעם אייגענעם ציל פון אחדות און אייניקייט קען מען קומען דורך דער פרייער אַנטוויקלונג פון די חלקים, דורך זייער וואָלונטאַרישן הסכם זיך צוזאַמענצונעמען און קאָנסטיטואירן דאָס גאַנצע. עס לאָזט זיך איבעראַל פילן אַ דראַנג נאָך עגאָאיזאַציע הן פון פיזיאָלאָגיע, הן פון סאָציאָלאָגיע, הן פון פּסיכאָלאָגיע, הן פון „קאָסמאָלאָגיע“. אומעטום מאַניפעסטירט זיך די זעלביקע טענדענץ און שטרעבונג צו שלימות, צו גאַנצקייט, צו אויטאָאָרגאַניזאַציע. אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן איז אָנצייגן די סכעמע פון גראַדועלע טראַנזיציעס, פון פּאַמעלעכן צואוואוקס פון כוחות, פון מעגלעכקייטן און פעאיקייטן פאַר אָרגאַניזירונג, פאַר עגאָאיזירונג פון אונדז גופא און פון אונדזער סביבה.

אין אָט־דעם פעלד וועט זיך פילאָזאָפיע אַרויסווייזן אַלס די בעסטע אַרויסהעלפערין. פילאָזאָפיע וואָס פאַרנעמט זיך דערעיקרשט מיט עפּיסטעמאָלאָגיע, מיט דער דערקענטעניש־טעאָריע, קען זיך ניט דערלויבן צו פאַרנאַכלעסיקן די דערהויבונג און פאַרפולקומענונג פון דעם מענטשן, דעם דערקענער, מחמת ער איז דאָך דער־יעניקער וועלכער באַנעמט די וועלט מיט איר פולן סך־הכל פון דערשיינונגען. און אָט־דער וועלט־באַנעמער, דער מענטש איז ניט קאָנסטאַנטע מאַגניטוד, נייערט אַ פּראָצעס וואָס איז דינאַמיש לויט זיין עצם מהות נאָך. ער האַלט אין איין וואַקסן; און דאָס דערקענטע, די וועלט וואָס ווערט באַנומען פון אים, וואַקסט פּאַראַלעל מיט אים. דער דערקענער איז די אָרגאַניזירנדיקע קראַפט און פּאָטענץ. די וועלט אונטער דעם אויג פון דעם דערקענער ווערט איבערגעאַנדערשט, ווערט איבערגעפורעמט. און ווידעראַמאָל וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט דעם אַלטן שטרייט פון די צוויי טענדענצן: שטעלן דעם סוביעקט איבער דעם אָביעקט אָדער פאַרקערט. עס וועט זיך שטעלן די פראַגע: ווער איז וויכטיקער, דער מענטש אָדער די אויסערלעכע סביבה, ווער איז דער שע־

פערישער פאַקטאָר? דער מאַנאַעגאַאיסט, דער איינאַיכיסט וועט פראָקלאַמירן די אויבערהערשאַפט פון סוביעקט, פון איך איבער דעם אָביעקט פון דער וועלט. דער שאַפער, דער עגא איז וויכטיקער פון דאָס באַשאַפענע.

די ריכטיקע אויפפאַסונג פון ישעיה'ן ציילט אַז אידישע נבואה איז אַ פעסטשטעלונג פון סוביעקטיוויזם, פון איכיזם, איז די גלאָריפיקאַציע פון אני אלס יהוה. „דער וועט זאָגן צו יהוה — איך" (ט"ז) ער וועט באַגרייפן און רופן יהוה, דעם „רבונו של עולם" „איך", דעם מהות פון פערזענלעכקייט. ישעיה'ס נבואה דערקלערט דעם מאַנאַעגאַ, דעם איינאיך ניט בלויז אַלס דעם באַנעמער און באַצווינגער פון דער וועלט נייערט אויך אַלס דעם באַשאַפער פון דער וועלט. ישעיה'ס נבואה פירט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן געצנדינסט, קעגן דער דערנידערונג פון מענטשן, פון סוביעקט, דעם אַוועקשטעלן אים אונטער דעם קעגנשטאַנד, דעם אָביעקט וועלכן דער מענטש דאַרף כלומר'שט פאַרערן און פאַרהערלעכן.

זיי וויסן ניט, און זיי פאַרשטייען ניט,
וואָרום פאַרקלעפּט פון צו זען זיינען זייערע אויגן,
פון צו פאַרשטיין — זייערע הערצער.
און קיינער איבערלייגט ניט אין זיין האַרצן,
און ניטאָ קיין דערקענונג און קיין שכל צו זאָגן:
טייל דערפון האָב איך פאַרברענט אין פייער,
און אויך געבאַקן אויף זיינע קוילן ברויט,
געבראָטן פלייש און געגעסן;
און דעם רעשט דערפון
זאָל איך פאַר אַן אומווירדיקייט מאַכן?
צו אַ שייט האלץ זאָל איך קניען? (י"ז)

ישעיה רעדט ניט וועגן דעם אַז יהוה איז אייפערזיכטיק, וועט זיך אָפּרעכענען מיט דעם געצנדינער דערפאַר וואָס ער גיט אַוועק דעם דינסט וואָס קומט יהוה'ן גאָר צו אַן אומווירדיקן געץ. ישעיה וויל עפענען די אויגן פון געצנדינער אַז ער זאָל דערזען אַז ער בוקט זיך צו דער טואונג פון זיינע אייגענע הענט. ישעיה ציילט אָן אויף דער אומגעלומפערטקייט, נאַרישקייט פון די וואָס שטעלן דעם אָביעקט, וואָס איז געשאַפן פון סוביעקט, העכער פון סוביעקט.

„ער האַקט זיך אויס צעדערן,
און נעמט אַ האַרטדעמב אָדער אַן אייכנבוים,
און ווילט זיך אויס צווישן די בוימער פון וואַלד;
ער פלאַנצט אַ פיכטבוים, און דער רעגן מאַכט וואַקסן.
און עס איז פאַר דעם מענטשן אויף צו ברענען;

און ער נעמט דערפון, און וואַרעמט זיך,
אויך הייצט ער און באַקט ברויט;
דערצו מאַכט ער אַ גאָט, און בוקט זיך;
מאַכט עס צום געץ, און קניט דערצו" (י"ח)

דער אַלטער געצנדינער האָט זיך געבוקט צו דער טואונג פון זיינע הענט. דער הײַנטצייטיקער געצנדינער, דער אַזוי גערופענער „תורה־איד", בוקט זיך צו דער „טואונג פון זיין פאַרשטאַנד", צו דער קאָנצעפּציע פון זיין שכל, און וויל ניט באַגרייפן אַז אידישע נבואה האָט געפּריידיקט די לערע מכוח דער איכהייט, האָט פאַרגעטערט דעם זיך־אין־זיך, און ניט עפּעס אויסערלעכעס, „פּרעמדעס". „איך איז ערשט און איך איז לעצט און אויסער דעם איך איז ניט פאַראַן קיין אלהים (י"ט) „איך איז גאָט און עס איז ניט פאַראַן מער". (כ')

„די פורעמער פון אַ געץ זיינען נישטיק אַלע,
און זייערע גלוסטיקע בילדער נוצן ניט;
און זיי אַליין זיינען זייערע עדות,
אַז זיי הערן ניט און ווייסן ניט;
דרום וועלן זיי פאַרשעמט ווערן.
ווער פורעמט עס אַ גאָט,
און גיסט אויס אַ געץ וואָס נוצט ניט!
זיי, אַלע באַהעפטע אָן אים וועלן זיך שעמען,
און די מייסטערס — זיי מער פון אַלע מענטשן". (כ"א)

ער רעדט ניט וועגן דער זינד פון דינען צו געצן, נייערט וועגן דער שאַנדע, עס איז אַ חרפה פאַר דעם מענטשן, פאַר דעם מייסטער צו זיין אַזוי נאַריש, אַז ער זאָל שטעלן דאָס געפורעמטע, דאָס אָפּגעגאָסענע העכער פון פורעמער און אָפּגיסער — פון מייסטער.

זאָלן זיי זיך איינזאַמלען . . .
זיי וועלן . . . זיך שעמען . . . (כ"ב) פאַר זייער באַגרענעצטקייט פון אויפפאַס, פאַר זייער שטות און טיפּשות.

עס זיינען דאָ מענטשן וועלכע מ'קען אָנרופן „אומגלויביקע". זיי גלויבן ניט אַז מיר האָבן אַ מעגלעכקייט איבערצופורעמען אונדזער ציבור־לעבן לויט אונדזערע פאַרלאַנגען און וואונטשן. זיי האָבן ניט קיין אמונה אין אונדזערע קאָנסטרוקטיווע כוחות. זיי גלויבן ניט אַז מיר זיינען אימשטאַנד איבערצוגעשטאַלטיקן די געזעלשאַפט אויפן יסוד פון אינטעראינדיווידועלער שייכות'שאַפט. זיי גלויבן אויך ניט, אַז מיר זיינען ביכולת זיך אַליין איבערצופורעמען, און אפשיטא שוין אַז מיר קענען ניט אַרויפנעמען אויפן קאַפּול די וועלט וואָס איז אַרום אונדז. אָט־די מענטשן האָבן ניט

קיין אמונה ניט אין זיך און ניט אין דער וועלט. זיי באַגרייפן ניט, אַז ניט מיר אַליין זיינען אַקטיוו אויף דעם געביט פון טראַנספּאַרמאַטאָריק, נייערט אַלע כוחות און ענער־גיעס פון דעם גרויסן אוניווערס, אַלע פאַרהוילענע פּאָטענצן, וואָס זיינען קאָנצענ־טרירט אין איכטום, זיינען פאַרנומען מיט אַט־דער אומבאַדינגט נויטווענדיקער אויפ־גאַבע, די „אומגלויביקע" האָבן ניט קיין צוטרוי צום געזעץ פון אַלמאַכט, אַלוויסעניש, אַלמעגלעכקייט פון דעם זיכטום.

צוויי סאָרטן מענטשן לאָזן זיך אונטערשיידן אין דער גרויסער גרויער מאַסע פון דער מענטשהייט. איינער איז אקטיוו און קרעפטיק, דער צווייטער איז פּאַסיוו און אימפּאָטענט. איינער איז אַן אָפּטימיסט, דער צווייטער — אַ פּעסימיסט.

שאָפּענהויער דער פּעסימיסט איז אַ קינד פון דער וויסנשאַפטלעכער דיסציפּ־לין מיט אירע גדרים און סייגים, מיט אירע איינקלעמונגען און אײַנצוימונגען. מיט כל־המיני חכמות און אויסטראַכטענישן באַמיט זי זיך איינצואַטעמעווען אונדזער דרייסט, איינצופּענטעווען אונדזער שעפערישע עזות. און אַט־די פּעסימיסטישע שטימונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער עפּאָכע פון דעם אַלט־וויסנשאַפטלעכן געדאַנק. דער מענטש איז צעבראָכן, אנטוישט, תמיד וואַקלנדיק, שטענדיק צווייפלענדיק, אַלע מאָל קווײנקלענדיק, כסדר ציטערנדיק האָט ער גאַרניט געקענט אויפטאָן. דער בלאַ־סער בלוטאָרימער רעפאָרמיזם, די לערע אַז אַלץ קומט פאַר פּאַמעלעך שטופנווייז, אַז מ׳טאָר ניט שטעלן קיין ברייטן און שנעלן טראָט, איז מער ניט ווי אַ פּועל־יוצא פון דער שוואַכקייט, שלאַפקייט, ווילנלאָזיקייט און אָן־חוט־השדרה׳קייט פון דעם „אומ־גלויביקן".

ניט קיין אָפּטימיזם און ניט קיין פּעסימיזם, נייערט אַמעליאָריזם האָט אַ ווי־סנשאַפטלעכן באַדן, פאַרזיכערט אונדז וויליאם דזשיימס. ער איז אָבער ניט גערעכט, ווי יעדער פּשרה־מאַכער און טרעטער פון מיטן־וועג. אמעליאַריזם איז ענטוועדער אָפּגעבליאַקעוועטער פּעסימיזם, אין פאַל ער אַקצעפּטירט די אַבסאָלוטע אוממעגלעכ־קייט דורכצופירן מיט דערפאָלג גרויסע תקנות, אויפצוטאָן וויכטיקע חידושים אין אונדז און אַרום אונדז, אָדער פאַרשלייערטער געדעמפּטער אָפּטימיזם, אין פאַל ער ווערט אינטערפּרעטירט ווי אַ לערע מכוח דער מעגלעכקייט צו קאָריגירן, אויסבע־סערן וואָס ווייטער אַלץ מער די חסרונות ביז מ׳קומט צו גאַנץ נאָענט צום ראַנד פון פּערפעקציע. אמעליאַריזם מוז נויטווענדיקערווייז האָבן צוויי פליגלען, אַ פּעסימיסטי־שע אויסטייטשונג און אַן אָפּטימיסטישע אינטערפּרעטאַציע. אויב מע באַשטייט אויף דער באַהויפּטונג אַז ניט געקוקט אויף אַלע תיקונים, וועלן די פעלערן פאַרט בלייבן אומבאַרירט, דעמאָלט איז דער אַמעליאַריזם דאָס אייגענע כמעט וואָס פּעסימיזם. האַלט מען אָבער, פונקט פאַרקערט, אַז אַ סעריע רעפאָרמען דורכגעפירט ווי געהעריק

וועט מיט דער צייט ראַדיקאַליזירן, לגמרי בייטן דעם עקזיסטירנדיקן סדר פון זאַכן, דעמאָלט ווערט פון אַמעליאָריזם אַ מין אָפּטימיזם.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן בנוגע עוואָלוציע וועלכע מ׳האָט זיך גע־פּלייסט אָװעקצושטעלן במקום פון קרעאַציע. עוואָלוציאָניזם איז דער מיטלגרונט צווישן קרעאַציע און קאָנסערוואַציע. אין מיטן פון די צוויי עקסטרעמען, באַשאַף און באַשטאַנד, קומט אַריין די אַנטוויקלונגס־לערע, וועלכע באַלאַנסירט זיך כלומר׳שט צווישן די צוויי דיאַמעטראַלע קעגנזייטיקייטן. מיר שטעלן זיך ניט אָפּ אויף „רעוואָ־לוציע״, מחמת די אומוואָלצונג גענומען פאַר זיך האָט קיין באַטייט ניט. איבערקערע־נישן סתם קענען ניט דינען אַלס אַ ציל. אַ נייע אָרדענונג, אַ נייער איינשטעל קומט דאָך ניט אַרויס פון דעם, וואָס מ׳קערט איבער דעם אַלטן איינשטעל. רעוואָלוציאָניזם איז ניט קיין באַזונדערע סיסטעם, עס איז דער זעלביקער עוואָלוציאָניזם. רעוואָלו־ציאָניזם איז ניט קיין אייגענער אָריגינאַלער וועלט־קוק אָדער לעבנסקוק. ער איז מער ניט ווי אַ שיטה אין פּאָליטישער טאַקטיק, אַ מעטאָד פון פּאָליטישער אַקציע. די צעש־טערונג פון אַלטן רעזשים, פון דער איינגעפונדעוועטער קאָנסטיטוציע פון דער גע־זעלשאַפט איז בלויז אַן הקדמה צו עפּעס, אַן אַפּראַמונג פון שטערענישן, פאַר זיך האָט עס ניט קיין ווערדע. דער אויפבויענדיקער מאָמענט וואָס קומט דערנאָך דאָס איז דער עיקר און יעדער רעוואָלוציאָניסט איז באמת אַן עוואָלוציאָניסט.

בערגסאָן האָט גאַנץ גוט געפילט אַז עוואָלוציע איז ניט צופרידנשטעלנדיק, אַז זי קען ניט וואַרפן גענוג ליכט אויף די פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין אונדזער אוי־סערלעכער סביבה און ניט אויף די געשעענישן וואָס פאַרלויפן זיך אין אונדז, און דערפאַר איז ער אַרויסגעקומען מיט זיין טעאָריע מכוח „קרעאַטיווער עוואָלוציע״. מ׳דאַרף מאַכן נאָך אַ טריט פאָרויס און פּראָקלאַמירן קרעאַציע אַלס דעם אוניווער־סאַלן פּרינציפּ פון דעם דאַזיין־באַשטאַנד.

דער איכטום איז דער פּרינציפּ פון קרעאַציע, פון זעלבסט־שעפערישע און זיך־באַכטועדיקע מאָמענטן, איז אַ סומע פון אויטאָ־קרעאַטיווע אויטאָ־אימיטאַטיווע אַקציעס. דער באַשטאַנד האַלט כסדר אין ווערן, אין אויפקומען, אין איין אַנטשטיין, אין זיך כסדר פאָרמירן, זיך געשטאַלטיקן. „ובטובו מחדש בכל יום מעשה בראשית״, „...ער באַנייט יעדן טאָג דעם באַשאַף״ ... די אינטערוואַלן, וואָס טיילן אָפּ איין אַקט פון דעם צווייטן אין דער שאַפונגס־ טעטיקייט, זיינען זייער קורץ און מ׳קען זיי כמעט ניט באַמערקן, הגם אין יעדן מאָמעמט, אַזוי זיך אויסצודריקן, ווערט איין וועלט באַ־שאַפן און אַ צווייטע וועלט ווערט אָפּגעשאַפט, ווי עס פּאַסירט מיט דער אומאיבער־ריסענעם המשך פון דער פּערזענלעכקייט, אַ קאָנטינואַציע וואָס איז באמת צוזאַמענ־געשטעלט פון פאַרשיידענע, באַזונדערע באַוואוסטזיין־צושטאַנדן מיט קליינע אַנ־

טראַקטן צווישן זיי. די בריק וואָס פאַראייניקט זיי איז די אידייע פון זעלבסטהייט, איך־אַלייניקייט.

עס איז פאַראַן אַ צד־השווה צווישן אונדזער קערפּער און אונדזער סדר. ער עקזיסטירט ניט און פונקציאָנירט ניט ווי אַ מעכאַניזם, וואָס ווערט איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָנגעצויגן און אָנגעשטעלט. ער מוז זיך אײַנשטעלן טאָג־טעגלעך יעדע מינוט און יעדע שעה. ער מוז זיך עטאַבלירן און באַשטימען, דערפילן זיין עובדא און כסדר האַלטן אין איין באַנייען זיינע צעלן. דעריבער איז טאַקע אַלעמאָל פאַראַן אַ פאָדערונג און פלאַץ פאַר תיקונים, רעמאָנט־אַרבעט, פאַר איבערפורעמונג און צורעכטמאַכונג. מ׳געברויכט אַזוי אָפט די פראַזע „דער עקזיסטירנדיקער סדר פון דער וועלט״, „די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג״. דער אמת איז אַז אַזאַ „סדר״ אָדער „אָרדענונג״ איז ניט בנמצא. דער סדר פאַרנעמט זיך כסדר מיט זיין ווינדיקאַציע, רעכטפאַרטיקונג און זעלבסט־באַשטימונג. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דינאַמישע פּראָצעסן, און בשום אופן ניט מיט סטאַטישע דערשיינונגען. און דאָס גיט אונדז רשות און יכולת צו אַנדערשן און איבערפאָרמירן אים. דער אײַנשטעל איז שוין גאָרניט אײַנגעשטעלט, ער שטייט ניט אויף איין אָרט. ער האַלט זיך אין איין באַוועגן זיך, און דורכזעצן געוויסע פונקציעס.

עס איז פאַראַן קרעאַציע און עס איז אויך פאַראַן אימיטאַציע. עס איז דאָ שאַפונג־טואונג און נאָכמאַכונג־נאָכטואונג. אונדזער סדר אימיטירט זיך אַליין נאָכדעם ווי ער האָט זיך קרעאַטירט. קרעאַציע איז דאָס אָפּגיסן נייע פאָרעמס און זיי אָנפילן מיט נייעם אינהאַלט. קרעאַציע איז אָנהויבערײַ. דער באַשטאַנד איז אַ פּראָדוקט, אַ מאַניפעסטאַציע, אַן עמאַנאַציע פון אני־יהוה, פון דעם אחד, פון דעם ערשטן וואָס „אין ראשית לראשיתו״. (כ״ג) דער ערשטער איז אַלע מאָל שעפעריש. ערשטקייט איז תמיד אַן איניציאַטיווע פּאָטענציאַליטעט, און דאָס איז דער פּרינציפּ פון קרעאַטיווקייט. „בראשית ברא״, דער בראשית מוז זיין אַ שעפערישער פּראָצעס. דערנאָך ערשט קומט דער פּעריאָד פון אימיטאַציע. אימיטאַציע איז די איבער׳חזר׳ונג פון דער זעלביקער אַקציע; אימיטירן מיינט דורכגיין דעם זעלביקן ציקל פון פּראָצעסן אַ צווייטן מאָל, טרעטנדיק אַ שוין אויסגעטראָטן שטעג, אָן דעם אָנשטרענג, כוח־זיך־אָנטאָן און פליי־סעניש, וועלכע האָבן זיך געפאָדערט פאַרן ערשטן מאָל. צו שאַפן הייסט אייגנטלעך אַרויסצורופן אימיטאַציע. קיין קרעאַציע בלייבט ניט אָן אַ נאָכפאָלג. אימיטאַציע איז אַקטיוו, וואָס איר פעלט איז מער ניט ווי די בראשית׳דיקייט, די איניציאַטיווקייט, דער כוח פון פּרוכטבאַרקייט, וואָס ליגט אין ערשטקייט. ירושה׳שאַפט, פאַרערבלעכקייט איז אַ פאָרם פון אימיטאַציע, וועלכע איז אַ פּועל־יוצא פון סוגעסטיע. אונדזער גוף, די פונקציעס פון די אָרגאַנען זיינען אימיטאַציעס, וואָס ווערן דורכגעפירט אונטער דעם אײַנפלוס פון סוגעסטיעס. אין דער רובריק פון אימיטאַציע קומען אַריין אַלע אונדזערע הרגלים, אינסטינקטן, מאַנערן, דער גאַנצער אַפּאַראַט פון קאָנווענציאָנאַליטעטן, וואָס

אַפּערירט אין דער געזעלשאַפט, וועלכע הייסט אונדזער קערפּער, ווי אויך אין דער געמיינשאַפט, וועלכע הייסט דער סאָציאַ־פּאָליטישער קערפּער.

קרעאַציע איז אַלמעכטיקע אַקטיוויטעט. צו שאַפן מיינט צו טאָן עפּעס אַזעל־כעס, וואָס קיינער האָט ניט געקענט באַפעלן, אַז עס זאָל געטאָן ווערן. מחמת קרעאַציע איז אַנפאַנגלעכקייט, אַ באַגינען, וואָס קיינער האָט ניט פאַרדעכטיקט, קיינער האָט ניט דערוואַרט. קרעאַציע איז מהאי טעמא אַמניפּאָטענט. שעפערישקייט קען טאָן אַלץ אויף דער וועלט, און דאָס וואָס זי קען ניט טאָן איז דאָך ניט בנמצא און ממילא קען ניט געזאָגט ווערן מכוח דעם אַז עס קען ניט געטאָן ווערן.

דער פּרינציפּ פון איכהייט, דער אני־יהוה איז דער שאַפער פון באַשטאַנד, און ער איז, זיכער, אימשטאַנד איבערצושטעלן דעם איינשטעל פון גאַנצן קאָסמאָס. עפּיס־טעמאָלאָגיע בשותפות מיט פּסיכאָלאָגיע איז אויפריכטיקע קאָסמאָלאָגיע־קאָסמאָגאָניע. דער מעשה־בראשית איז אַן אַקט פון עגאָאיזאַציע. דער עגאָ איז דער קרעאַטאָר, דער פאָטער און מייסטער פון באַשטאַנד. דער באַשטאַנד־אַרויפטויך, דער קאָסמאָס־געבוי געפינט זיך אין קאָרעספּאָנדענץ מיט די פּרינציפּן פון הייכער פילאָזאָפיע, פון עגאָסאָ־פיע. קרעאַציע איז זעלבסטהייט, ריינע עגאָטיק. צו דערקענען די וועלט מיינט, אייגנט־לעך, צו שאַפן די וועלט, צו עטאַבלירן דעם קאָסמאָס דורך אַ זעלבסט־סוגעסטיע, אַ „מאמר״, אַן איכישער פּראָיעקציע. אני־יהוה איז זעלבסט־באַשאַף. אַ נייע טיפערע דערקענטניש מוז אַרויסרופן אַ נייעם באַשאַף. פילאָזאָפיע באַקעמפט דעם כאַאָס אין אונדזער דענקען. פילאָזאָפיע לערנט אונדזער מחשבה די גרויסע קונסט פון זעלבסט־אָרגאַניזאַציע, די טעכניק פון אויסגעהאַלטנקייט, פון סיסטעמאַטישער סאָלידאַריטעט. און ווען פילאָזאָפיע וועט ווערן, אַזוי צו זאָגן, אונדזער אינסטינקט, אונדזער געוויינ־טלעכער שטייגער פון טראַכטן, ערשט דעמאָלט וועלן אונדזערע געדאַנקען דערגרייכן די ערשטע שטופּע פון קאָנסעקווענטקייט און האַרמאָנישקייט. אַזוי אַרום ווערט פילאָ־זאָפיע אַ סיסטעם פון קרעאַציע. זי העלפט אונדז צו באַהערשן און קאָנטראָלירן אונד־זער דענקונגס־אַפּאַראַט און אויסצופורעמען אונדזער וועלט־באַנעם, אויפבויען אַן איינסיקייט פון דער פּלוראַליטעט, אַ קאָסמאָס פון כאַאָס. א נייער וועלט־באַנעם פירט דירעקט צו א נייעם וועלט־באַשאַף.

אונדזער פיזיאָלאָגיע און ביאָלאָגיע נויטיקט זיך, זייער אין אַ נאָרמאַטיוון טייל. נאָרמאַטיווע פיזיאָלאָגיע, האָט אונדז באַדאַרפט ווייזן דעם וועג ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אונדזערע קערפּערלעכע פּראָצעסן, פונקציעס, ווי געבורט און טויט, בלוט־צירקולאַציע, אָטעמען א. אז. וו. ביי איצטיקער צייט הערשט אויף דעם געביט אַ כאַאָטישער צושטאַנד. אָבער ווי יעדער כאַאָס אנטהאַלט ער אין זיך אַ מעגלעכ־קייט, אַ פּאָטענץ פון וועלכער מ׳קען שאַפן א נייע וועלט, ד. ה. אַ נייעם אָרגאַניזם. די זאַך איז די וואָס אפילו אין כאַאָס קען מען אַנטדעקן עלעמענטן פון

א סיסטעם. כאַאָס געפינט זיך דאָך אויך בכלל זיין דאַזיין, און יעדער צושטאַנד וועלכער איז באַזיצט אַ פּאַרהוילענע, הגם פּרימיטיווע אָרגאַניזאַציע, אַ צו־זאַמענהאַלט, אַן אַגרעגאַטיווקייט. אין וואָס מיר נייטיקן זיך איז אַ מעטאַפיזיאָלאָגיע, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף עגאָטיזם־סיסטעמאַטיזם. די עובדא פון נאָרמאַטיווער פיזיאָ־לאָגיע איז צו לערנען אונדז ווי אַזוי אַרום מיר זאָלן באַהערשן אונדזער וואַקסן און געוואוקס, ווי צו קאָנטראָלירן און סיסטעמאַטיזירן אַלע קערפּערלעכע טעטיקייטן, ווי אַזוי אַריינצוברענגען פולע סאָלידאַריטעט צווישן אונדזערע צעלן, געוועבן און פאַזערן פון אונדזער גוף, ווי אַזוי צו פירן עקאָנאָמיש אונדזער שטיקל באַלעבאַטישקייט, די פיזיאָלאָגישע באַלעבאַטישקייט.

דער צוקונפטיקער מענטש וועט זיין דער אַנערקענטער בעל־גוף, בעל־הבית פון זיין מאַיאָנטעק וואָס הייסט גוף. און ער וועט טאַקע לעבן אייביק. טויט איז אַ שטראָף, אַן אָפּקומעניש פאַר דער זינד, וואָס דאָס מענטשנקינד זינדיקט קעגן האַר־מאָניע, סאָלידאַרישקייט פון אינעווייניק. מיר דאַרפן און וועלן עטאַבילירן אַן עכטן „אינטעראינדיווידואַל" אין אונדז, אין אונדזער האַרץ און פאַרשטאַנד. אַ גוט אָוועק־געשטעלטע אינערלעכע קאָאָפּעראַציע וועט ברענגען דעם מענטשן אייביק לעבן אויף דער ערד. „בלע המות לנצח", (כ"ד) ער וועט פאַרטיליקן דעם טויט אויף אייביק. מאָראַ־ליזירטעס לעבן איז אַן אייביקע קאַטעגאָריע און דעם מענטשנס יחיד'ס לעבן וועט זיך ציען אייביק, אין עולם־ועד אַריין. זינד ברענגט אונדז אום, הרג'ט אונדז אָוועק. „עס איז ניטאָ קיין טויט אָן זינד". (כ"ה) ניט דער שלאַנג טויט, נייערט די זינד" (כ"ו) מיר שטאַרבן מחמת מאַנגל אין קאָאָרדינאַציע. עס פעלט קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און שלום־בית צווישן די מיליאָנען צעלן פון אונדזער קערפּער. און אָט־דער חסרון וועט באַזייטיקט ווערן. דער צוקונפט מענטש וועט באַזיצן אַן אויטאָ־אָרגאַניזאַציע פּערזענ־לעכקייט סיי קערפּערלעך און סיי זעליש, ער וועט פאַרמאָגן אַן אָרגאַניזירטן, פילאָזאָ־פיש אויסגעהאַלטענעם וועלט־באַנעם, וועט באַזיצן אַן אָרגאַניזירטן וועלט־חוש. דעם מענטשנס אויפפיר סיי אינערלעך אין קערפּער און אין גייסט, סיי אויסערלעך אין דער געזעלשאַפט, אין דער וועלט וועט זיין אויסגעהאַלטן, לשיטתיה'דיק.

שלום, סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקייט, סדר, אויטאָ־אָרגאַניזאַציע זיינען פאַר־שיידענע ווערטער צו באַצייכענען פאַרשיידענע שאַטירונגען און שטופן פון דער איין און זעלביקער פּאַטענץ: זעלבסטהייט, אנוכי־יהוה.

ישעיה זאָגט נביאות וועגן אַ נייעם באַשאַף וועלכער וועט זיין אַזוי אומענלעך צום אַלטן באַשאַף אַז די אַלטע הימל און ערד וועט מען מער ניט געדענקען און מ'וועט זיי זיך ניט קענען אַפילו פאָרשטעלן. ער זאָגט אונדז אויך אַז מ'וועט מער ניט דאַרפן אָנקומען צו דער זון און לבנה אַלס לאַמטערנעס אָדער לאָמפּן צו לייכטן ביי טאָג און שיינען ביי דער נאַכט, מחמת יהוה אַליין וועט געבן ליכט.

פאַרוואָס טויג ניט דער אַלטער באַשאַף? ניט דערפאַר וואָס ער אַנטהאַלט אין זיינע גבולים שלעכטס. שלעכטס וועט באַזייטיקט ווערן דורך דעם וואָס יהוה־וויסן וועט אָנפילן די ערד. אלא וואָס? דער באַשאַף אַלס אַזעלכער איז פאַר׳משפט צום אונטערגאַנג. פאַרוואָס, וואָס איז דער חטא וואָס איז אַריינגעבויט אין דער סאַמע סטרוקטור פון דער קאָסמאָס־געביידע?

לויט אונדזער פאַרשטיין נאָך דאָס איז דער ענטפער: ישעיה באַקעמפט און לאַכט אויס געצנדינסט און געצנמאַכעריי. וואָס איז געצנמאַכעריי? דאָס נעמען אַ סוב־יעקט און פאַרוואַנדלען אין אַן אָביעקט. דער „מאַך זיך ניט קיין געץ" איז דער יסוד פון אידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. אויב אַזוי פרעגט זיך, פאַרוואָס האָט יהוה באַ־שאַפן אַ וועלט, ער האָט דאָך זי באַשאַפן פון זיך אַרויס, ד. ה. ער האָט געמאַכט אַ געץ, גענומען אַ גייסט, אַן אידייע און זי פאַרוואַנדלט אין אַ סומע פון מאַטעריעלע שטאָפן און דערשיינונגען, און ער האָט אַליין עובר געווען אויף דעם געבאָט פון ניט מאַכן קיין געץ. דער גאַנצער וועלט־באַשאַף איז אַ מין געצנמאַכעריי. * עס דאַרף זיין „אני יהוה ואין עוד", איך יהוה און מער קיין זאַך ניט. צו וואָס די זון, די לבנה, די שטערן? זאָל דער „יהי אור!", יהוה אליין לייכטן; און ישעיה וואָס באַפרידיקט זיך ניט מיט האַלבע מיטלען, וואָס דערפירט זיין געדאַנק און קעגנערשאַפט צו אידאָלאַטריע ביז צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ, זעט אין זיין וויזיע דעם אָפּשאַף פון אַט־דעם געצישן מעשה־בראשית און דעם אויפקום פון אַ נייעם ריינעם רוחניות׳דיקן באַשאַף, אַ זעלבסט־באַשאַף פון יהוה׳ן, ניט קיין זון און ניט קיין לבנה — יהוה שיינט... די קו־מענדיקע קרעאַציע וועט זיין אַ ריינע יהוה׳יסטישע קרעאַציע אָן שטאָפן, אָן פרעמדע אַגענטן, אָן פרעמדע פאַקטאָרן, אַ פולשטענדיקער „אני יהוה ואין עוד"... אַ ריין סוב־יעקטיווער באַשאַף...

*) זע „אַרויס פון גן־עדן" בילד פינף אידישע שריפטן העפט 16 זז.

מראה־מקומות

א) ישעיה, י״א, ט׳.
ב) דאָרט, ס״ה, י״ז.
ג) דאָרט ס׳, י״ט־כ׳.
ד) מחזור, תפילת ראש השנה. שמונה עשרה.
ה) ישעיה, נ״ו, ו׳־ז׳.
ו) דברים, ספרי, ו׳, ה׳.
ז) תהלים, **קמ״ח.**
ח) ישעיה מ״ה, ה׳, ו׳, י״ח.
ט) קב־הישר פרק ד׳, ג׳.
י) דאָרט, פרק ו׳, ה׳.
יא) דאָרט, פרק ז׳ א׳.
יב) דברים, ל׳, ב׳־ג׳.
יג) רוימער, ח׳, 19-22.
יד) ישעיה, מ״ה, י״ב.
טו) בראשית, א׳, כ״ח.
טז) ישעיה מ״ד, ה׳.
יז) דאָרט, י״ח־י״ט.
יח) דאָרט, י״ד־ט״ו.
יט) דאָרט, ו׳.
כ) דאָרט, מ״ה, כ״ג.
כא) דאָרט, מ״ד, ט׳־י״א.
כב) דאָרט, י״א.
כג) סידור, תפילת שחרית, „יגדל".
כד) ישעיה כ״ה, ח׳.
כה) שבת, נ״ה, ע״א.
כו) ברכות ל״ג, ע״א.
כז) ישעיה ב׳, ב׳.

צום פרישן לעבן

פון

נ. ל. באזינער

פון זיך אליין, געגנוי געמאָסטן, כ׳בין מיט צען קעפּ העכער.
ווי קליין און נידעריק איך בין, איך בין נאָך נידעריקער,
און כאָטש אַ קעלער, קלעטער איך אַריבער אַלע דעכער,
און כאָטש אַ נישטיק טפל, האַלט איך זיך גרויס, ווי דער עיקר.

פון מיינע קולות און געוואַלדן איז מיין קול נאָך העכער
און פון מיין שווייגן און פאַרשווייגן איז מיין שטילקייט שטילער.
אליין בין איך דער שענקער, זויפער און אליין דער וויין און בעכער.
איך פליסטער פרום „לא יחרץ כלב״, בין דער בול און בילער.

אין זילבער רונצלעך קוים באַמערקבאַרע איך זיך צעשאָקל.
אין כוואַליעס שטאָלצע צוואַנציק־גאַרנדיקע זיך צעטורעם.
דער ווייסל פון מיין אויג פאַרשוואַרצט דעם שוואַרצאַפּל מאָנאָקל.
מיין פרייד פאַרקימערט שמחה, שיכרות ניכטערט אויס מיין פורים...

מיט פראָסטיק קאַלטן האַס דערקלער איך זיך אין הייסער ליבע,
אָן שטימע, ממעמקים פון מיין שטומקייט, זינג איך, זינגער.
פון איינציק גרויסן זעלבסט־צוועק כ׳בין, צולעצט, די ערשטע סיבה.
כאָטש עלטער פון דער אייביקייט, פון דעם מאָמענט בין יינגער.

איך בין זיך דן, אין שטרענגן בית־דין, מיט די ארבע מיתות.
נאָך ווייניק, מיטן מגן־דוד האָב איך זיך געקרויציקט.
פאַר חופה גיב איך זיך א גט, שרייב אָן מיין ספר־כריתות.
א גרויסער איד, א „גוטער איד״, דערפאַר אַן עכטער „גויטשעק״...

איך ליג צען איילן אין דער רויער פייכטער ערד באַגראָבן,
אין אָפּגרונט, דאָרטן אויפן דעק, כ׳וועל מיין זעניט דערגרייכן.
מיט טוי פון תחיית־המתים טוט מיין גומענס־מויל זיך לאָבן,
צום שפּריץ און שפּראָץ פון פרישן לעבן בין איך זיך ערשט מכין...

בייגעשטייערט צו דעקן די דרוק־הוצאות

פון

אַזכּרה־בוך

אַנאָנים — 90.00; קארסעט און בראזיערס וואָירקערס יוניאָן, מענעדזשער אברהם סניידער, בראדי און פייגין צו $25.00; ש. ברייגער, נח ברעסלוי, זלמן ב. זאהן, אייזיק יפה, ה. מאגנוס, חיים סקולמאן, ספּירייט קאָ., פאָגלסאָן, מ. צוקער, אסתר קליין צו $10.00; מרס. בלאַק, זאב באַראַקס, שרה גרובער, י. דייווים, חיה טשארני, מלכה טשאָבאָל, מרס. סטוירלינג, בצלאל פּאַרגמאַן, ליבע פייגין, ש. פּעליטש, מאַקס ראָזנבוים צו $5.00; שלמה שאפּירא — $4.00; מרס. טשייקין, נחמיה קליין צו $3.00; גילבערט, דוניא לעווין, גאָסי מאָגילעווסקי, איידא קאהן, דוד קריוויצקי, טאַם רייט צו $2.00; סאָניע אלבום — $1.00.

נעגאַטיוו-פּאָזיטיוו (ליד) . . . . א. קעמל לז
חוה גאַרדין איז ניט טויט . . . . ש. ברייגער לח
אַ דיאַלאָג מיט אַ מת טהור (ליד) . . . . . . ד. י. יאַגעסט מ
אַ טרער . . . . ה. מאגנוס מא
חוה גאַרדין ע״ה . . . . ש. טענענבוים מג
א חלום צווישן חלומות (ליד) . . . . . נ. ל. סווירער מה
חוה׳ן . . . . ד״ר ריי הוטערער מו
חוה גאַרדין ז״ל . . . . בצלאל פּאַרגמאַן מז
תנו רבנן (פּאָעמע) . . . . בצלאל פּאַרגמאַן מח
חוה׳ן אין אָנדענק . . . . נחום סומער נב
חוה . . . . מלכה טשאָבאָל נג
אַ פריינט באַגעגנט (ליד) . . . . אַננאַ זאַרעצקי נד
חוה׳ן . . . . יעטע סאַיעטאַ נה
פון צער (ליד) . . . . י. ה. ראַדאָשיצקי נו
מיין פריינדין . . . . אסתר קליין נז
חוה ע״ה . . . . סימא גלאַזמאַן נט
זי קלאָגט ניט אויף איר מזל (ליד) . . . . . . ל. ראָזאָף ם
א בריף . . . . ארבייטאָרינס פון „ספירייט״ סא
חוה גאַרדין ע״ה . . . . ה. אַבראַמאָוויטש סב
השם נתן, השם לקח (ליד) . . . . מ. י. כאַלישקער סג
אזכרה . . . . ד״ר ד. גלאָבוס סד
האָט רחמנות (ליד) . . . . חיים סקולמאַן סו
אייביקער שבת (דערציילונג) . . . . ברוך גלאַזמאַן סז
פּרווי (דיכטונג) . . . . נחמיה קליין עג
געדאַנקען (סענטענצן) . . . . מ. צוקער עד
אריין אין גן-עדן (א מעשה) . . . . ה. גאָלד עה
אשת חיל (בילד) . . . . חיים פעט עז
די זעאונג פון נביא ישעיה . . . . אבא גאַרדין עח
צום פרישן לעבן (ליד) . . . . נ. ל. באַזינער ק

Printed by Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
23 East 4th Street, New York, N. Y.